STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06143

DER PASTUKH DAVID

Menahem Boraisha

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם באָריישאָ

דער פּאַסטוך דוד

אַ שפּיל אויף אַ ביבלישן מאָטיוו

אין זעקס בילדער

ווילנע

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Menachem Borajszo — «Der Pastuch Dowid»

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B Kleckina, Wilno

פערזאָנען:

דוד — דער קיניג פון ישראל.

אבשלום } זיינע זין.
אמנון

מיכל
מעכה } זיינע װײַבער.
בת־שבע

אליהב — זיין ברודער.

אחיתופל — זיין בעל־יועץ, בת־שבעס זיידע.

בניהו — דער הויפּט פון זיין לייב־װאַך.

נתן — דער נביא.

שבע בן בכרי — דודס אַ געװעזענער קריגס־חבר.

זמרי — אַן אַלטער מאַן פון דודס היימשטאָט.

מריבעל — אַ קאַליקע, אַ זון פון יונתן בן שאול, מיכלס אַ ברודער־זון.

תרצה — אַ דינסט ביי בת־שבע.

נביאים, הארן, כוהנים, חיל, לייבװעכטער, פאָלק.

עס שפּילן זיך אָפּ: דאָס ערשטע, פערטע און זעקסטע בילד — פאַר דודס הויז; דאָס צװייטע, דריטע און פינפטע — אין בת־שבעס שטוב.

פון ערשטן ביזן זעקסטן בילד גייען אַװעק צװיי מעת־לעת.

כאַראַקטעריסטיק פון די הויפּט־פּערזאָנען

דוד

50 יאָר. מיטל־געהויקסיק, ברייט־פּלייציק, דאָס פּנים—איינגע־צויגן. אין דער שוואַרצער באָרד, דורכגעוואָרפן מיט גרויע האָר, פּילט זיך מאַכט. די אויגן אונטער געדיכטע ברעמען האַלט ער מערסטנס אַרונטערגעלאָזט, אַזוי אויך דעם קאָפּ, ווען ער רעדט צו עמיצן. צייטנווייז בויגט ער דעם קאָפּ אָן אַ זייט און קוקט אַוועק אין אַ ווינקל. יעדנפאַלס—נישט אין די אויגן פון יענעם, צו וועמען ער רעדט. בלויז אין מאָמענטן פון דערהויבונג איז דער קאָפּ הויך און דער בליק אָפן און שניידיק. אָבער די מאָמענטן האַלטן נישט אָן לאַנג, און די איבערגאַנגען צו באַוואָרנטקייט און חשד זענען פּלוצלינגע, אומגעריכטע. רעדט מערסטנס שטיל, און אין די שטילע, צוריקגעהאַלטענע טענער איז דאָס קול בויגיק און רייך מיט אַלע רעגנבויגנס פון זיינע פיל־פאַרביקע איבערלעבונגען. אין די הויכע טענער איז ער זעלטן ווען זיכער. און דע־ריבער באַנוצט ער זיך מיט זיי נישט גערן און פאָרזיכטיק.

אבשלום

אַ יאָר 25. הויך, שלאַנק. די קורצע טוניק, העמד, סאַנדאַלן, גאַרטל — אַלץ אין שטילע קאָלירן, אָבער אַזוי דורכגעשטיקט מיט גאָלד און איידלשטיינער, אַז עס באַקומט זיך איין גע־צאַמטע שיינענדיקייט. די בלאָנדע לאָקן, וואָס פאַלן אויף די אַקסל, דורכגעפלאָכטן מיט שנירלעך איידלשטיינער. אויפן ברוסט — אַ מין אפוד פון שטיינער אויף אַ גאָלדענער קייט. דאָס קול ווייך, לאַשטשענדיק, אָבער פעסט, מענלעך. אים פאָרויס גייען די לויפער און זייער פאַרביק אָנטון רייסט די

אויגן מיט באַרבאַרישן גלאַנץ. נאָך זייער שרייענדיקן אַריינ-
קומען איז זיין דערשיינונג — אַ באַרויקונג פאַרן אויג.

אמנון

אַ יאָר 28. גרויס געוואָקסן, שרייאיק אָנגעטון. מאַכט נאָך
דעם יינגערן ברודער, אָבער אָן געשמאַק. דאָס פּנים צע-
גאָסן. די אויגן פאַרלאָפן, דאָס קול — הייזעריקלעך, פון דער
פיגור שמעקט מיט נישט-געצאַמטער און איבערגעיוירענער תאווה.

בת-שבע

אַ יאָר 20. זי איז הויך. קוקט אויס אַפילו העכער פון דודן.
דאָס אַקצענטירט זיך נאָך מער דורך דער דינקייט פון איר
פיגור. זייער לאַנגע שוואַרצע האָר, שאַרף-געבויגענע ברעמען.
די אויבערשטע ליפּ אונטערן לענגלעכן נאָז באַדעקט מיט
אַ טונקעלן פוך, אַזוי אויך די ברעגן פון פּנים. אָט די
שאָטנס אויפן פּנים גיבן אַרויס דאָס אור-ווייב אין איר,
וואָס וואַרגט זיך אינעווייניק. אין דער גאַנצער פיגור—קאָנ-
צענטרירקייט, באַהערשונג. ווען דוד שטייט קעגנאיבער איר,
שרעקט ער זיך, גלויבט די אויגן נישט.

מיכל

אַ יאָר 45. אַ בלייך, איינגעצויגן פּנים מיט צייכנס פון פאַר-
גאַנגענער שיינקייט. אַז זי שמעלט זיך אויף און רעדט —
איז זי נאָך איצט אויך שיין. די רייבקייט פון קאָלירטן זייד
און בלערליי רינגען אויף די אויערן, הענט און פיס זעט אויס
נאַטירלעך אויף איר, איז איינגעוואָקסן אין איר. אין קול—
די האַרבקייט, וואָס קומט פון פריען עלטער און געוואָרגע-
נע ליידן.

מעכה

אין די זעלבע יאָרן, אָבער שווער. צעגאָסן, מיט פאַרשפּיצ-
טע קלוגע אייגלעך און אויליקן קול.

אליהב

אַ יאָר 60. אַ קאָפּיע פון דודן אין וווקס און פיגור. אָבער

ווייס-העל, אָפן. זיין אָנטון — גראָ-פּויעריש, אָפּגעלאָזן. קוקט גלייך, נעמט אַלץ אַריין אין בליק. רעדט מיט אַ פּויערישער פאַרשפּיצטקייט.

אחיתופל

אַ יאָר 60. הויך און דין, ווי בת-שבע. אויפן דינעם כמעט אַסקעטישן קערפּער אַ קליינער ווייסער קאָפּ מיט אַ שיטער שפּיציק בערדל. אין דער שווערער רייכקייט פון זיין העמד, טוניק און גאַרטל — קיין קאָליר-שפּיל. די טריט און באַוועגונגען געמאָסטן, ווערטער קומען אַרויס אַזוי ווי גע-צילטע אין דער ווייט אַריין.

בניהו

אַ יאָר 45. אַ גרויסע שטאַרקע פיגור פון אַ זיכערן מענטשן, וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין פּלאַץ און איז געטריי דעם, וואָס ער דינט.

נתן

אַ יאָר 40. אין דער פיגור — אַן ענלעכקייט צו אחיתופלען, אַזוי האָט יענער געדאַרפט אויסזען יונגערהייט. אָבער דער איז ברענעדיק, אימפּולסיוו און די געוואַלדיקע זיבערקייט אין אייגענעם וואָרט פּלאַטערט אַרויס פון אים. איז אָנגעטון פּויעריש-פּשוט, אין האַנט — אַ שטעקן.

שבע בן בכרי

אַ יאָר 45. גרויס, שטאַרק, אַ פלאַמענדיקער רויטער קאָפּ און רויטע, דראָט-געפלאָכטענע באָרד. אויף אַ ווידענער, גע-לער, אָפּגעטראָגענער העמד — אַ שווערע, ברוינע, לייוונטענע שמלה, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ זילבערנער קייט, וואָס פּאַסט זיך נישט פאַר קיין גאַרטל, נאָר זעט אויס אַראָפּגעריסן פון אַרום אַ מזבח ערגעץ. טראָגט אויער-רינגען און אויפן אָרעם אַ זילבערנע באַנד מיט גלעקעלעך, וואָס קומט פון אַ פרויען-האַלז. אויפן רעכטן פוס — אַ פוס-באַנד. זיין קול ווייסט נישט פון שטילקייט, און אויך אין גוטן מוט איז עס ברייט און שטורעמדיק.

זמרי

אַ זיבעציקער. גרויס, ווייס, שטאַרק. אויפֿן פּויערישן אָנטון איבערן אַקסל — אַ שעפּסן פֿעלכל.

מריבעל

אַ יאָר 30 און אַ הויכער, אָבער אין דער אויסגעקרימטקייט פֿון דער הינקעדיקער פֿיגור אויף די קוליעס זעט ער אויס קלענער און יינגלשער. באַבערדלט און מיט אַ היסטערישער בלייבקייט אויפֿן פּנים. די אויגן — פֿאַרלאָרענע, אָבער אַז זיי צינדן זיך אָן, ווערן זיי שפּיציק און בייז. אַזוי אויך דאָס קול.

תרצה

אַ יאָר 18. אין איר גרויסער ליבשאַפֿט צו בת־שבֿען פֿאַר־האַלט זי זיך צו איר פֿרייער, ווי אַ דינסט צו איר קיניגין.

ערשט בילד

(דער דרויסן פאר דודס הויז. באגינען.
אין הינטערגרונד — א גרויסע הילצערנע געביידע. דער ארייני-גאנג — א טעראסע מיט א דאך איבער סלופעס. פון ביידע זייטן — ברייטע פענצטער מיט קופער-דראָטענע שויבן, פארמאכטע און פון אינעווייניק פארהאָנגענע. פון דער טעראסע ארונטער פירן עטלעכע טרעפ.
פון הויז ביז צום פאָדערגרונד — א לייכטער בארג ארונטער. אין פאָדערשטן ווינקל לינקס — א צווייג-פארפלאָנטערטער איילבירט-בוים. שפעטער, ווען די זון הויבט זיך, פאלט פון בוים א שארפער שאָטן צום הויז.
אין דער גראָער באגינען-ליכט שטייען ביי דער טעראסע: איינער פון דודס לייב-וואך, א באוואָפנטער — אויפן ערשטן טרעפל, און אונטן—אן אָנגעלאָפענער זעלנער, א פארסאפעטער.)

וועלטער
דו קענסט נישט זען דעם קיניג.

לויפער
כ׳האָב א ווילטיק וואָרט צום קיניג
פון מיין שר, פון יואבן.

וועלטער
מען קען נישט זען דעם קיניג.
שוין זיבן טעג — ער ליגט און וויינט
און קיינעם זעט ער נישט.
כ׳האָב אחיתופלען געזאָגט:
ער וועט ארויסקומען צו דיר.

לויפּער

און וואָס וויינט אַזוי דער קיניג?

וועכטער

אַ קינד ביי אים — עס שטאַרבט.
פון חיתּיס, פון אוריהס ווייב — —

לויפּער

וואָס ביי אונז אין שלאַכט געפאַלן?

וועכטער

פון זיינער טאַקע. שטאַרבט דאָס קינד.

לויפּער

האָט דער קיניג צוגענומען די אלמנה?
איז דאָך אַלט חדשים ערשט,
אַז אוריה איז געפאַלן.

וועכטער

(לאַכט)

דער קיניג ווייסט דעם חשבון בעסער.

(פון דער געעפנטער טיר קומט אַרויס אחיתופל. דעם וועכטער טרעט אָפּ. לויפּער פאַלט אויפן פּנים.)

אחיתופל

(לאָזט דעם לויפּער ליגן אויפן פּנים. צום וועכטער)

גיי צו מיין הויז
און זאָג די האַרן דאָרט, וואָס וואַרטן:
איך דאַרף זיי האָבן דאָ.

וועכטער

(אָפּ אויף דער רעכטער זייט פון הויז)

אחיתופל

שטיי אויף!

וואָס איז דאָס וואָרט פון יואבן, דיין שר?

לויפער

(שטייט אויף, דערשראָקן)

ס'שיקט מיין שר דעם קיניג זאָגן:
מואב האָט זיך אויפגעהויבן,
האָט געשטאַרקט די האַנט פון עמון
און אין רוקן שלאָגט ער אונז.
בעט מיין שר פון ־האַר דעם קיניג:
מיטן רעשט פון חיל קומען
זאָל ער שנעלער אונז צו הילף,
ווייל דער שונא שלאָגט אין נאַקן,
יאָגט פון רבת עמון אונז.

אחיתופל

גיי זאָג צו יואבן, דיין שר:
דער קיניג האָט זיין וואָרט געהערט.

לויפער

(צעמישט)

ס'שלאָגט דער שונא אונז אין נאַקן,
שוץ פון קיניג בעט מיין שר.

אחיתופל

לויף גלייך צוריק.

לויפער

איך בין מיד און דורשטיק,
איך בין הונגעריק, מיין האַר.

אחיתופל

דו וועסט אין וועג שוין טרינקען.
איך הייס דיר לויפן גלייך צוריק.

לויפער

(פאלט אויפן פנים)

שוין, איך לויף, מיין האר!

(קוקט זיך אום א צעטומלטער, אנטלויפט)

(פון הינטערן הויז קומען אן צחיי הארן און דער וועכטער)

אחיתופל

(צום וועכטער)

קענסט גיין.

וועכטער

(אוועק)

הארן

— וואס נייעס פון דער נאכט?

— ווי האלט דאס קינד?

אחיתופל

שוין באלד.

הארן

— ווער וועט אים אנזאגן.

— ווער וועט דאס לעבן איינשטעלן?

אחיתופל

נישט וועגן דעם גערופן אייך,

געווען פון יואבן א לויפער.

ס'איז ווידער מואב אויפגעשטאנען,

צו הילף געקומען די עמונים — און אצינד

רופט יואב דודס הילף. כ'האב אים צוריקגעשיקט

און קיינער האט אים נישט געהערט.

די שעהן זענען קורץ. היינט וועט דער טויט פון קינד

מיט שרעק פון יאהוועס צארן נאך אנטקעגנשטעלן

דאס אומגעדולדיק פאלק — —

האַרן

און ווער וועט מיטן חיל גיין?

אחיתופל

אַ שווערד אין האַנט אַריין
דעםווילדן שבע — וועט ער גיין,
נאָר וואָס עס קען געשען — מוז היינט געשען,
ווייל מאָרגן וועט פון יואבן אַ צווייטער אָניאָגן.
און מיטן שאַלן פון געפאַר וועט דוד ווידער
דעם אומרו פונעם פאָלק דערוואַרגן.
געציילט זענען די שעהן.

האַרן

מיר הערן, אחיתופל!

אחיתופל

זאָל שטאַרק זיין אייער האַנט!

(אַריין אין הויז דורך דער טיר)

האַרן

— מען דאַרף אבשלום זאָל זיין גרייט.
— און צווישן פאָלק דאָ זיין.

(ווילן גיין, באַגעגענען זיך מיט די אָנקומענדיקע, פון פאָרנט רעכטס, אליהב און מריבעל)

אליהב

נאָך נישט אויפגעהערט צו וויינען?

האַרן

מיר ווייסן גאָרנישט, קיניגס ברודער!

מריבעל

און עס לעבט נאָך אַלץ?

(גייען דורך דער טעראַסע אין הויז אַריין)

ערשטער האַר
אַ פּאָרל צוגעקליבן: דודס ברודער, דער משוגענער,
מיט יונתנס דעם קאַליקע.

צווייטער האַר
דודס געגנאָד אויף שאולס הויז.

(גייען אָפּ. אָבער ערשטער האַר קומט אין אַ ווײַל אַרום
צוריק און מישט זיך מיטן אָנקומענדיקן פֿאָלק.

עס באַווייזן זיך איינציקווייז פּויערים, פּאַסטעכער, האַנטווערקער, פּרויען, פּילע באָרוועס, אַנדערע אין הילצערנע סאַנדאַלן. שמלות בלאָע, גראָע, אין פּאַסן קאָלירטע. מיט הוילע קעפּ און מיט טורבאַנען געוויקלטע. טראָגן רעקלעך, שטעקנס. ביי אייניקע — קוישלעך מיט פּרוכט, קופּערוואַרג, קאָלירטע שטיקער וואָל — מתּנות צום קיניג. שפּעטער אויך — הארן מיט קנעכט, וואָס טראָגן זיי נאָך טעפּיכער צום זיצן.
צווישן די אָנגעקומענע זמרי.
מיטן אָנקומען פֿון פֿאָלק באַווייזן זיך אויך טערערע לייב-וועכטער, דרייען זיך אַרום צווישן זיי.)

ערשטער פּויער
(קומט אָן מיטן צווייטן, קוקט זיך אַרום)
מען זעט נאָך דאָ גאָרנישט, דאָס זעלביקע אַלץ.
צו פֿרי נאָך געקומען, ווייזט אויס.

צווייטער פּויער
פֿריער צי שפּעטער — וואָס איז דער חילוק?
אַלצאיינס וועט דיך קיינער נישט הערן.
(זעצן זיך אויף ד'ערד)

ערשטער
שווער פּלאָגט אים דער צאָרן פֿון יאַהווע.

צווייטער

וואָס אים פּלאָגט דאָרט ווייס איך נישט.
מיך אָבער דאָ דער הונגער פּלאָגט.

א פרוי

(מיט א קוישל קומט צו)
נעם טייטלען ביי מיר אַפּאָר.
(גיט עס אים, זעצט זיך)

צווייטער

אַ זיבן טעג מען ליגט און מען וואַרט,
איז אויסגעגאַנגען דאָס ברויט פון מיין זאַק...
דער זון מיינער פוילט שוין אין פרעמדער ערד,
און צינגשן רייסט מען פון מיר אַלצאיינס —
איז וואָס גייט אים אָן מיין נויט!

פרוי

מיינער מיט יואבן שטייט שוין א יאָר,
און דאָ איז דער מאַן מיר געשטאָרבן —
האָב איך קיין אַרבעטער נישט.
און דער קיניג ליגט גאָר און וויינט.

צווייטער

ער וויינט נישט אויף אונזערע זינד.

א פּאַסטעך

(צו דער פרוי)
און דו טראָגסט נאָך אַלץ דיין קוישל צו אים!..
וואָלסט בעסער אַן אָרימען פּאַסטעך געגעבן
דעם הונגער אַ ווייל צו שטילן.

פרוי

מיט אַזעלכע געזונטע הענט ווי ביי דיר
קען מען אייגענע טייטלען עסן.

פאַסטעך

נישט ביי אַ קיניג ווי דיינער!
מלחמות פירט ער און לענדער פאַרנעמט ער,
און זוכט אַ מענטש אַ שטיקל ערד
איז נישטאָ דאָס וווּ צו קריגן.
נאָר שלעפּ זיך אַרום מיט די סטאַדעס אין בערג
און בוי זיך געצעלטן אויף שטיינער.
אַ שטיקל ערד וויל אַ מענטש.

אנדערע

(קומען צו, הערן זיך איין. צווישן זיי ערשטער האר)

צווייטער פויער

האָט דוד ווייניק פעלדער און גערטנער?
ער מעג דיר פון זייניקע געבן.

פאַסטעך

זאָל ער נאָר קומען — איך וועל אים שוין זאָגן,
אַז נישט איז אבשלום פאַראַן.
אַ פאַנצער און שפּיז וועט אבשלום געבן —
ערשט דעמאָלט וועט דוד וויינען.

צווייטער

דער זון ווי דער טאַטע וועט זיין.

ערשטער האר

אבשלום קומט נישט פון די רויבער־וועגן
און נישט פון היילן פינצטערע,
ער זאָל אין גייציקייט פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך.
אבשלום טראָגט זיין קיניג־בלוט פון זיידעס
און קען אַ פאָלק אין פרידן פירן.

צווייטער פויער
פון אונז וועט מען רייסן די צינשן אַלצאיינס.

ערשטער פויער
נאָך ערגער וועט זיין מיט אים. זעסט דאָך — איין האַנט.
אבשלום און האַרן — איין האַנט.
מען שפּאַרט דיך אַרויס פון דיין שטיקל ערד,
און אַקער דיין אייגן פעלד פאַר זיי,
און דרעש זיי די תבואה און טרעט זיי דעם ווין —
אַז נישט, וועט מען אַלץ דיר פאַרכאַפּן,
איז ערשט כאָטש דוד אַ בייטש איבער זיי,
דערנאָך וועט נישט זיין שוין צו וועמען צו שרייען —
אַז אבשלום מיט זיי איז איין האַנט.

ערשטער האַר
און איצט האָסטו האָסטו גערעכטיקייט?
צום פאַסטעך, צום בית-לחמער,
צום ווערגער פון ישראל
נאָך שוץ און יושר קומסטו?

זמרי
(וואָס האָט זיך צוגערוקט)
אויב ס'האָט דער פאַסטעך וועמען געוואָרגן,
איז עס די האַרן געוועזן, מ י י ן האַר!
פאָלק האָט דער פאַסטעך דערלייזט פון אייך.

ערשטער האַר
ביז ער האָט ברידער קעגן ברידער אויפגעהויבן
צו קענען אונז באַוועלטיקן,
איז גאַנץ געוועזן דאָס הויז ישראל
און נישט געוווסט פון פאָלק און האַרן,

זמרי
דאָס האָבן האַרן נישט וויסן געוואָלט.

פאָלק האָט געוווסט, אוי, ווי געוווסט!..
ביז ס'האָט אונז דוד דערלייזט פון אייך.

צווייטער פויער

פון וואָס די דערלייזונג, אַז צוואָנציק יאָר
הערן מלחמות נישט אויף?

שטימען

— פאַר אונז דאָך די מלחמות.
— פיינט פאַרטריבן. שוץ איבערן לאַנד.

צווייטער פויער

און וועמעס זין אין דער ערד באַגראָבן?

שבע בן בכרי

(שפּרייזט אַריין אין מיטן די רייד. הערט זיך צו)

מע מעקעט, מע מעקעט, ווי שאָף!
און ער וויינט נאָך אַלץ, ווי אַ קלאָג־מאַמע דאָרט
און דאָס קליינס—עס וויל זיך נישט ענדיקן.

ערשטער האַר

זיי אונז געגריסט, בן בכרי!
אויף דיר — מיר וואַרטן דאָ.
איך האָב אַ וואָרט מיט דיר.

שבע

(מיט פאַראַכטונג)

עס שטינקט דאָך פון דיר מיט ווייבערשע שמירעכץ.
וואָס ביסטו אויף מיר פאַר אַ וואַרטער?

ערשטער האַר

דאָס ליבסטע אין די נאָזלעכער פון גיבור
איז בלוט־גערוך פון שלאַכטפעלד.
נאָר נישט דיין נאָז — דיין אויער זוך איך,

און ס'האָט מיך נאָך דיין אויער נישט געהערט.

שבע

וואָס האָט דיך מיין אויער צו הערן?

(גייען ביידע אָפּ אָן אַ זייט.

אַ גרופּע נביאים, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אונטערן בוים, נעמען קלאַפּן אין די פּייקלעך און טאַצן, וואַרפן זיך מיט די האַלב־נאַקעטע קערפּערס, זינגען)

נביאים

אַ קרבן זוכט יאַהווע אין קיניגס הויז,
ברענט אויפן פייער אַ קיניגס קינד —
אוי לי!
פון קיניגס דיך איז אַ זינד געקומען,
ברענט אין פייער דעם קיניגס זינד —
אַללי לי.

שטימען

(פון אַרום באַפן אונטער דאָס געזאַנג, חזרן איבער)

פון קיניגס דיך איז אַ זינד געקומען,
ברענט אין פייער דעם קיניגס זינד —
אוי לי! אַללי לי!

(פון דער זייט, ווו ס'איז אַוועק דער ערשטער האַר און שבע בן בכרי, דערהערט זיך אַ געשריי, ביידע לויפן צוריק)

ערשטער האַר

העי, שוטרים, וועכטער, נעמט אים צו!
ער וועט מיך הרגענען!

שבע

(מיט די פויסטן יאָגט אים)

דו, וואָרים אין זיידענעם העמדל!
פון דיינע באַאוילטע, קלעפּיקע פינגער

זאָל שבע בן בכרי נעמען אַ שווערד
פאַר מעלכים געטש דעם פאַרפוצטן!
איך, שבע, וואָס איך האָב דעם פלישתּי געשלאָגן,
עמלקן, מואבן, — איך!

וועכטער

(לויפן צו, שטעלן זיך אים אנטקעגן מיט די שפּיזן)

טרעט אָפּ צוריק, בן בכרי!

שבע

(מאכט אוועק די שפּיזן מיט די הענט)

נעמט צו די שטרויענע ריטלעך פון מיר!
נאָך איידער עס האָבן אייך פלישתּישע הינט
פאַרפלאָנצט אין די בייכלער פון אייערע מאַמעס
צו קענען פאַרקויפן צו דודן,
האָב איך שוין מיין שווערד צעבראָכן געמוזט:
אַזוי האָט געעיפושט דאָס בלוט
פון אייער געביין אויף אים.

וועכטער

מיר וועלן דיר דאָס מויל פאַרמאַכן.

ערשטער האַר

(פון אַ זייט)

פאַרוואָס האָט דוד נישט געגעבן דיר
קיין אַנדערע שווערד?
וואָס קומסטו אויסבעטלען ביי דודן —
די שטעקן-העלד?

(פון דער טיר צום פאָדערגרונד פון טעראַסע קומט אַרויס אַמנון)

אמנון

זאָל שטילער זיין.

(צו א וועכטער)

צום נביא נתן לויף און זאָג:
דעם קיניגס עלטסטער — אמנון
שיקט רופן אים אַהער.

וועכטער

(אַוועק)

אמנון

(צו די נביאים)

און איר דאָרט, שלעפּער פון די וועגן!
ווער האָט געשיקט נאָך אייך?
ווער דאַרף אייך מיט די פּייקלעך?

שבע

מען האָט שוין געשיקט נאָך זיי!
ווען די מאַמע דיינע זאָל שכל האָבן
די גאָרגלען זיי שווענקען מיט דודס ווייַן,
ווי ס'טוט אבשלומס מאַמע —
איז וואָלטן זיי דיך דאָך באַוזונגען!

אמנון

אויך דו פאַרמאַך דיין אומריין מויל!

פאָלק

(שפּאַרט אָפּ שבען, שטופּט זיך צו דער טעראַסע, צו אמנונען)

— ווען וועט דער קיניג שוין אַרויסקומען?
— ווי לאַנג נאָך וועט מען וואַרטן דאָ?
— גיי, זאָג דעם פאָטער, אמנון — —

אמנון

מען וועט שוין זאָגן, זאָגן...

(קערט זיך אָפּ פון זיי, גייט אַריין אין הויז)

פאָלק

(צו דער טעראַסע צוגעשפּאַרט, אויפגערעגט)

— אָט האָסטו דיר אַן ענטפער!

— מען וויל נישט ריידן גאָר צום פאָלק!

— אויף דעם געשלעפט זיך איבער בערג און שטיינער ביים קיניג משפט זוכן.

— אים אַרט נישט וואָס אונז פלאָגט.

האַרן

וואָס דען האָט איר דערוואַרט פון דודן?

שבע

(באַהאַרפט די האַרן מיט האַס)

זיי אויך דאָ מיט רייד!

אַ בעט האָט זיך אויסגעבעט דוד,

זיך יורשים פאַרפלאַנצט;

שמעקט איינער מיט ווייַן, ווי אַ קעלטער,

דער צווייטער, פאַרפוצט און באַשמירט ווי אַ זונה,

פאַרקויפט דעם טאַטן צו זיידענע העמדלעך —

און ער, זיך פאַרשלאָסן אין צעדער־הויז,

איז שיכור געוואָרן פון ווייבער־לייב

און פאָלק און גבורים פאַר ווייבער פאַרקויפט! —

איצט ליגט ער און וויקט זיך אין ווייבערשע טרערן,

און די סטאַדע איז גרייט אים פאַרקויפן,

וואָס האָט איר געלאָזט אים פאַרזינקען אין זינד,

פאַרגעסן אָן זיך און אייך?

שטימען

— וואָס ווייסן מיר, וואָס דוד טוט?

— ווי קענען מיר זיך צושלאָגן צו אים?

האַרן

— ער איז דאָך גאָר פון אייך אַנטלאָפן.

— מיט הענט, מיט אייערע, זיך דאָ באַפּעסטיקט,
איר זאָלט אים נישט דערגרייכן.

שבע
(צו די האַרן)

איר שווייגט! נישט מיט אייערע אויליקע הענט
האָט דוד די שטאָט זיך געבויט.
ס'איז זייערס — און זיי מעגן שרייען.

שטימען
— מיר האָבן אַלע זין בײַ אים.
— אויף יעדן טויטנפעלד.
— בײַ פּלישתּים און בײַ מואב.
— עמלק און ארם.
— און איצט בײַ רבת עמון.
— אַז ווו אַ שוועל — איז בלוט.
— און ווו אַ הויז — איז מתים.

זמרי
(אַ צעטומלטער, שפּרייט די הענט)

אַז מען דאַרף די געפאַלענע ערד פאַרגיטיקן,?
מוז מען איר געבן איר חלק בלוט.
שמעקט אָבער בלוט נאָך נײַע בלוט,
ווערט אָפּגעצערט פון מלחמות דאָס פאָלק.
האָט מיך דאָס פאָלק פון בית־לחם געשיקט
צו פאַלן צום קיניגס פיס:
בן ישי, גענוג מלחמות!
זאָל ער נאָר קומען — וועט ער אונז הערן!

האַרן
(צו די ערשטע צוויי קומען צו נאָך איניקע)

— פון דײַנעטוועגן וועט ער יואבן צוריקרופן...
— און ווער וועט אים אוריהן אָפּראַמען?

— דו וועסט אים אָנטון אין דיין שעפסן פעלכל,
וועט פון דעם וואָלף אַ שעפּס ווערן
(געלעכטער אין פאָלק)

שטימען
(אין פאָדערגרונט)

— זייט שטיל! דער נביא גייט!

נביאים
(וואַרפן זיך אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן נתן מיט די פייקלעך
און אויסרופן)

וואָרט פון יאַהווע! גייסט פון יאַהווע!
קום צו אונז, זיי מיט אונז.

נתן
(שאַר)

שטילט איין דעם געקלאַפּ און הויבט זיך אויף,
בישט פאַר אייך איז דאָ די צייט אַצינד.

נביאים
(פאַרשעמטע טרעטן צוריק)

זמרי
(באַנוצט זיך דערמיט, טרעט פאָרויס)

דיין קומען זאָל זיין געבענטשט צו אונז, זעער!

נתן
פרידן צו אייך אַלע, יאַהוועס פאָלק!

זמרי
פון פרידן וועגן קומען מיר דאָ
צו זען און בעטן דעם קיניג,
האָט אים אַן אומגליק פאַרשפאַרט פון אונז...
מיד איז דאָס פאָלק פון לייד און וואַרטן,

ביטערניש קלייבט זיך אין האַרץ,
און יאַהוועס צאָרן פון קיניגס הויז
שפּרייט זיך מיט שרעק איבער אונז.
גיב אונז אַ וואָרט פון פרידן, זעער!
גיב אונז אַ וואָרט פון טרייסט!

פאָלק

(רינגלט אַרום נתן)

— מיר זענען מיד שוין פון מלחמות!
— די פעלדער בענקען נאָך די זין.
— די סטאַדעס נאָך די פּאַסטעכער.
— די ווייבער נאָך די מענער.
— מיר ווילן רו.
— און היים!
— און ברויט!

נתן

(מיט געהויבענע הענט שטילט זיי איין)

נישט פאַר זיך האָט דער קיניג מלחמות געפירט,
נאָר דאָס הויז פון ישראל צו באַשיצן און באַפעסטיקן.
אויך די שטאָט פון עמון וועט יאַהווע דער האַר
איבערגעבן דעם קיניג אין האַנט,
ווי אַלע אייערע פיינט ביז ערשט,
אַז פעסט זאָל זיין דער פרידן פון לאַנד
און זיכער די רו אונטער אייער דאַך.
נאָר אין גערעכטן צאָרן האָט ערשט דער האַר
אַ צער פאַרשפּרייט אויפן קיניגס הויז,
און אויף אונז אויך פאַלט דער צער.
(ער גייט צום הויז, דאָס פאָלק טרעט אים אָפּ דעם וועג)

האַרן

— אַן אויסטייטשער פאַר דודן.

— פאַר די, וואָס ליגן אין דער פרעמדער ערד,
וועט ער אייך פרידן ברענגען.

אליהב און מריבפל

(קומען ארויס פון הויז, טרעפן אָן נתנען אויף די טרעפ)

אליהב

אין צייט געקומען, נתן!
אַ גוטער מאָגער קומט אין צייט,
עס ליגט שוין דער חוב און וואַרט אויף דיר.
אויף דרערד, אויף דרערד צו דיינע פיס
האָט מען דעם חוב דיר אַוועקגעלייגט —
אין צייט געקומען, נתן!

נתן

(ענטפערט נישט, גייט שטום אריין אין הויז)

שטימען

(כאַפּן אונטער די ווערטער)

— אויף דרערד, אויף דרערד ליגט שוין דער חוב.

נביאים

(צעשאָקלען זיך, צעפייקלען זיך, זינגען מיט קלאָגעדיקע קולות)

פון קיניגס דיך איז אַ זינד געקומען,
האָט יאָהווע אַ פייער געשיקט אויף דער זינד —
אוי לי!
פון קיניגס דיך איז אַ קינד געקומען,
האָט יאָהווע פאַרברענט דעם קיניגס קינד —
אַללי לי!

אין פאָלק

(כאַפּט מען אונטער דאָס קלאָג-ליד. מען צעזינגט זיך)

פון קיניגס דיך איז אַ זינד געקומען —
אוי לי!

האָט יאָהווע פֿאַרבֿרענט דעם קיניגס זינד —
אַללי לי!
(דאָס געהיין צעגיסט זיך איבערן הויף)

מריבֿעל

(אויף דער טעראַסע שטייענדיק פֿאַלט אַרײַן אין אַ געהיין מיט
אַן איינצלקול, וואָס גיסט זיך איבער אַלע)

האָט יאָהווע פֿאַרבֿרענט דעם קיניגס זינד —
אוי לי! אַללי לי!

אליהבֿ

(שטייט שטום לעבן אים, שאָקלט זיך, אַזוי ווי זינגענדיק אין זיך)

בֿניהו

(קומט אַרויס פֿון טיר, שטאַרק)

זאָל שטילער זיין!
דער קיניג האָט זיך אויפֿגעהויבן
און וויל נישט קיין געוויין.

שבֿע

כאָטש איינמאָל אַ וואָרט דערהערט פֿון אים —
אַ לעבעדיק וואָרט פֿון אַ קריגער!

שטימען

— מען טאָר נישט וויינען אויך!
— די טרערן אויך אונז צונעמען!
— אויף טויטע אויך נישט וויינען.

בֿניהו

(שאַרפֿער)

נישט וויינען — האָט געזאָגט דער קיניג.
נישטאָ וואָס אויסצעוויינען מער.
(צו שבֿען)
און דו — וואָס דאַרפֿסטו דו, בן בכרי?

שבע

אַ שמועס טון דאַרף איך מיט דודן.

בניהו

נישטאָ קיין רייד פאַר דיר.
ווער ס'קען זיין שווערד נישט טראָגן פאַרן קיניג,
דער דאַרף קיין שווערד נישט האָבן.

שבע

נישט דיך בין איך פרעגן געקומען!
דו זאָג בעסער דודן:
אַ פאַלשע צייט האָט ער אויסגעקליבן
צו בלייבן מיט דיר דאָ אַליין.
ס'איז דאָ נאָך גענוג, ווער זאָל שבען געבן
אַ שווערד אין האַנט אַריין.

בניהו

דו גיי אַהיים, בן בכרי!
(גייט צוריק אין הויז)

אליהב

(גייט אַרונטער די טרעפּ צו שבען)

קענסט אים נישט פאַרגעבן, דודן?

שבע

(קרימט אים נאָך)

און דו קענסט אים אויך נישט פאַרגעבן?

אליהב

(זייער ערנסט)

ווי קען איך פאַרגעבן אים?
אַז ער האָט מיט בלוט פאַרשריבן
אונזער נאָמען אויף דער וועלט —
אונז, די שטילע פאַסטעכער —

ווי קען איך פאַרגעבן?

שבע

(קוקט אים אָן מיט שרעק)

זמרי

(קומט צו)

אַ גרוס דיר, בן ישי, פון אונזער היים.

אליהב

דו, וואָס טוסט דאָ, זמרי?

זמרי

פון בית־לחם האָט מיך דאָס פאָלק געשיקט
צום ברודער דיינעם, צום קיניג,
אים בעטן די זין אונז אומצוקערן,
אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה.

אליהב

גאָר אַזוי? זיי ווילן נישט — דאָס פאָלק?
שלאָגן זיך מיט שאולס הויז פאַר דודן,
שלאָגן זיך מיט גאַנץ ישראל
האָבן זיי געוואָלט —
און מיט עמון ווילן זיי נישט מער?
און מלחמה פירן מיט אוריהן
ווילן זיי?
גיי אַהיים און פרעג זיי, זמרי,
פרעג זיי, די בית־לחמער.

(צו מריבעלן)

קום פון דאַנען, מריבעל!

ערשטער האַר

(צו מריבעלן)

וואָס איילט שוין שאולס אייניקל אַהיים?

וואָס וואַרט מיין האַר נישט אויפן קיניגס מאַלצייט?

מריבעל

(מיט שרעק)

מתים ליגן אויפן קיניגס שוועל —
און מיר ווילן גיין מיט לעבעדיקע עסן.

אליהב

רעד קיין בייז נישט, מריבעל!
ס׳קענען נאָך די מענטשן מיינען,
אַז דו שטערסט דעם שלום צווישן שאולס הויז
און דעם גוטן קיניג.

(צום האַר און אַנדערע אַרום)

אַז דער זיידע איז געפאַלן אויפן שווערד,
און דער טאַטע איז געפאַלן אויפן שווערד,
און דער פעטער איז געפאַלן פונעם שווערד,
און אַליין זענען מיר לאַם געבליבן,
הינקענדיק און לאַם,
ווילן מיר דעם קיניגס פרייד נישט שטערן
מיט די פיס די הינקעדיקע,
גייען מיר אַהיים צו זיך אויף מאַלצייט
מיט די פיס די הינקעדיקע.
קום, מריבעל, קום!

(גייען אָפּ אין שרעק און שטוינונג פון די אַרומיקע)

האַרן

— אַ ברודער האָט דערקענט אַ ברודער.
— פון אייגן בלוט פאַרשאָלטענער.

אַ פאַסטעך

(פון אַ זייט גיט זיך אַ הויב, אַ הויבער, אַ צעשראָקענער,
מיטן שטעקן אינדערהויך)

ביין! איך גיי אַוועק פונדאַנען.

מאָרד און טויט און זינד און האַס —
ניין, ס'איז נישט פאַר מיר!
כ'וועל שוין נאָכקומען דעם משפט אינדערהיים,
נעמען זיך די אַלטע שוועגערין צום ווייב —
נישט פאַר מיר איז דאָ.
(נעמט שפּרייזן צווישן פאָלק)

די פרוי
איך קען דאָ אויך נישט בלייבן.
אַז מען טאָר גאָרנישט וויינען דאָ.
אַ קינד איז טויט און מען לאָזט גאָרנישט וויינען.
זאָלן אַנדערע וואַרטן אויף דודן.
איך וועל שוין אויסקומען דאָרט.
(גייט נאָך דעם פּאַסטעך)

פאָלק
(קוקט זיי נאָך אין שרעקן)

לויפער
(קומען אריין)

עס גייט דעם קיניגס זון אבשלום!

אוועקגעגאַנגענע
(בלייבן שטיין, קוקן זיך ארום)

נביאים
(כאַפּן זיך צו די פּייקלעך און טאַצן, שטייען אויף, זינגען מיט באַגייסטערונג אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן אבשלום)
צום ציון־באַרג קומט אַ יונגער לייב
און די גאָלדענע קודלעס צעטרייבט דער ווינט —
האָח! האָח!
דאָס פאָלק, וואָס וואַרט אויפן ציון־באַרג,
קומט ער דערלייזן פון קיניגס זינד —
האָח! האָח!

הארן

(לויפן אים אנטקעגן)

געגריסט זײַ, פרידן-ברענגער!

פֿאָלק

(ציט זיך אויף צו אים, פריער פון נייגיריקייט, דערנאָך גע-
פלעפט פון דער ליכטיקער געשטאַלט)

— איז דאָס אבשלום?

— דאָס איז ער, ער!

— ווי אַ קיניג שפּרייזט ער!

— ווי אַ זון אין מאָרגן גייט ער אויף!

(אנדערע שטרעקן זיך אויס, פאַלן פאַר אים)

— אבשלום!

— ליכטיקער אבשלום!

אבשלום

שטייט אויף! שטייט אויף!

מען דאַרף נישט, טײַערע!

(כאַפּט די ערשטע פאַר אים, נעמט זיי אַרום)

מען דאַרף נישט, ליבע!

זאָל פרידן זיין צו אייך.

צו אַלעמען אייך — פרידן!

שטימען

— נאָך פרידן קומען מיר.

— צו פרידן דורשטן מיר.

אבשלום

אין אייך דער פרידן, טײַערע!

אין אייער האַנט אַליין.

אמנון

(דאָס קומט אַרויס אויף דער טעראַסע, אויפגערעגט)

דו ביסט געקומען אין אַ בייזער שעה

דיין פרידן ברענגען, מעלהס זון!

אבשלום

פאַרוואָס דער צאָרן פון מיין ברודער?

אַ האַר

דאָס קינד איז טויט.

אבשלום

שוין — טויט...

(קוקט אויפן פאָלק מיט באַדויער)

מיין אָרעם פאָלק!
איצט וועט אין טרויער נאָך בת־שבעס קינד
זיך איינהילן דער קיניג, און דאָס פאָלק
פון אַלע עקן לאַנד וועט איבער שטיינער־וועגן
צום ציון־באַרג אַהערצו שטראָמען ווידער
און וואַרטן ביז דער קיניג וועט זיך אויפכאַפּן
פון פרייד מיט יונגער ווייב
און טרויער נאָך איר קינד — — — —

אין פאָלק

מיר קענען מער נישט וואַרטן.

אבשלום

איך ווייס די הערצער אייערע, איך ווייס.
נאָך צוואַנציק יאָר מלחמות
זענט איר פון בלוט שוין אָפּגעצערט.
נישט מיט צעשפּרייטע גרענעצן
און צינש פון פעלקער שכנישע,
נישט מיטן שווערד אין האַנט איז שטאַרק אַ פאָלק,
נאָר נאָר מיט זיין מי דער פרידלעכער
אין פעלד און גאָרטן
און רו אונטערן דאַך.
און מיט דער קללה נתנס:

דער שווערד וועט זיך נישט אָפּטון פון דיין הויז —
(ווייזט אויפן הויז)
ווי וועט צו אייך דער פרידן קומען?
ווער וועט אים ברענגען אייך?

אין פֿאָלק

— ער רעדט פון אונזער האַרץ!
— אין אים — די ליידן אונזערע.

האַרן

— ברענג דו דעם פרידן אונז, בן דוד!
— זיי דו דער שופט אונזערער!
(צום פאָלק)
— בעט ביי אבשלומען.
— ער וועט אייך אומקערן די זין.
— אין אים דער פרידן אייערער.
— פֿאַלט צו די פיס פון אים.

אין פֿאָלק

(אַ באַוועגונג צו אבשלומען)
— אבשלום, העלף אונז!
— אבשלום, זיי מיט אונז!
— רעד פֿאַר אונז!

אמנון

(פון דער טעראַסע אַראָפּ שרייט)
ער וויל דאָס האַרץ אייך גנבענען!
ער וועט באַצאָלן פֿאַר די רייד!

שבע

(רייסט זיך אַריין צווישן די, וואָס ציען זיך צו אבשלומען)
ווו קריכט איר, געשלאָגענע הינט?
אויב דוד האָט אייך אין מלחמה געפירט,

אין שלאַכטן מיט אייערע שונאים —
וועט ער אייך פאַר גאָלד צו די האַרן פאַרקויפן,
פאַרשמייסן מיט ריטער, ווי קנעכט!
ווו פויזעט איר, קרעציקע הינט?

אחיתופל

(אויף דער טעראַסע אַרויסקומענדיק שרייט בייז)

זאָל שטילער ווערן דאָרט!

אין פאָלק

(אַ צעמישונג. בלייבן פאַרגאַפטע אין האַלבער באַוועגונג)

אחיתופל

צום קיניגס זון, וואָס טראָגט אין נאָמען זיינעם
דעם פרידן פאַר אונז אַלע — פרידן!

אבשלום

צו אחיתופלען — די אויגן פון ישראל —
ליכט און לויטערקייט!

אחיתופל

ווי וויל דעם פאָלק, וואָס אין זיין נויט
קען טרייסט געפינען ביי דעם נישט-געזאַלבטן נאָך,
וואָס איז באַשטימט אין פרידן אים צו פירן.

שבע

גיס, גיס דעם האָניג אויף זיין פוסטן קאָפּ!

אחיתופל

נאָר וועסט מיר מוחל זיין די שווערע בשורה.
אַ קינד פירט ערשט דער קיניג צו דער קבורה
און טרויער גייט אויף אונז.

נביאים

יאַהוועס צאָרן קומט אַרויס
פון דעם קיניגס הויז.
יאַהוועס פייער, יאַהוועס שרעק —

טרעט אים אָפּ דעם וועג.

(זיי פאַרשווינדן. ווען מען דערזעט די שטרענגע, שטומע געשטאַלט פון נ ת נ ע ן, צעגיסן זיך ווידער געוויינען איבער הויף און ווערן שטאַרקער מיטן באַווייזן זיך פון דער מטה. מען דערזעט ד ו ד ן. און וויינענדיק פאַלט דאָס פאָלק אויף די פּנימער)

דוד

(אין טרויער־קליידער)

יאַהוועס פאָלק, שטייט אויף!

פּאָלק

(הויבט זיך אויף, דאָס כליפּען גיסט זיך)

דוד

מען דאַרף נישט וויינען!

(עס ווערט א טויטע שטילקייט, אין וועלכער די פּראָצעסיע רוקט זיך צווישן פאָלק)

צווייט בילד

(בת־שבעס שטוב.
רעכטס — א טיר, פארהאנגען מיט שווער־קאלירטע זיידן, לינקס — א ברייטער פענצטער. אויך אזוי פארהאנגען, פון צווישן די פארהענגער, דורך דער מעשענער שויבן־נעץ, פאלט אין שטוב אריין א נאכמיטאג־ליכט, וואס פארבט זיך ביסלעכווייז אלץ רויטער און פלאקערט מיט זון־פארגאנג
ביים סוף פון בילד.

פון דער וואנט אין הינטערגרונט צום פענצטער צו אין דער קרום געשטעלט — א ברייט און נידעריק געלעגער, איבער־געדעקט מיט א קאלירטער זיידענער חופּה אויף געשניצטע שטאנגען, פון באלקן אראפ אויף קייטן הענגען געהאמערטע קופערנע אויל־לעמפּלעך. איבערן דיל — טעפּיכער, אין ווינ־קלען — נידעריקע טישלעך מיט געפעסן, ארום געלעגער — נידעריקע בענקלעך, און ווייטער — עטלעכע שטולן, עגיפּטיש־
פארשפיצטע, מיט טעפּיכער איבערגעדעקט.

בת־שבע

אויף איינעם פון די בענקלעך, מיט די עלנבויגנס אויף די קני און דעם פּנים אין די הענט. אויסער די אויער־רינגען — קיין צירונג אויף איר. די אָרעמס אין די געשטיקטע ברייטע ארבל פון דער שמלה זענען הויל. די שווארצע
שווערע צעפּ פאלן אויפן געבויגענעם רוקן.

מיכל

אין פּראכט פון קליידער. אויער־רינגען, רינגען, אָרעמס־בענדער און פוס־בענדער — אויף א שטול קעגנאיבער איר. אביסל אָפּגערוקט פון זיי — ת ר צ ה, די דינסט.)

מיכל

דער צער האָט דײַנע טרערן אויסגעברענט —
דעריבער זענען טרוקן דײַנע אויגן.

בת־שבע

קראַנק בין איך, קיניגין!

מיכל

איז אָן אַ וואָרט געשטאַנען פֿאַרן גרוב.
און איצט ביים מאָלצײַט זיצט ער,
און פֿול דער בעכער ווײַן פֿאַר אים.
צי קען אַ האַס פֿון מוטערס האַרץ
נישט אויסברענען דעם לעצטן קוואַל פֿון טרערן?

בת־שבע

(בויגט דעם קאָפּ נידעריקער, שווײַגט)

מיכל

אַזוי פֿון יוגנט זײַנער אָן
דעם קין־צייכן טראָגט ער.
און וווּ ער גייט — איז בלוט,
און וווּ זײַן פֿוס־טריט בלײַבט —
אַ האַס אַ גיפֿטיקער די ערד פֿאַרברענט.
איך קען דײַן האַרץ, בת־שבע!

בת־שבע

קראַנק בין איך, קיניגין.

מיכל

אָט רופֿסטו מיך נאָך — קיניגין.
אַ קיניגס טאָכטער בין איך. פֿון אַ קיניגס הויז
געקומען צום געלעגער פֿון דעם פּאַסטעך־יונג
דאָס ערשטע בלום אים אָפּצוגעבן.
פֿון פֿאָטערס האַנט אויף מײַן געלעגער אים באַשיצט,

געלאָזט אַוועק אַ רויבער איבער וועגן —
צום שונא פון מיין פאָטער זיך פאַרקויפן
און צוגרייטן דעם סוף פון שאולס הויז.
פון אָרעמס פון אַ פרעמדן מאַן
האָב איך צו אים געבענקט!
און ווען ער איז דערנאָך צוריקגעקומען
זיין מאַכט צו בויען אויף די חורבות
פון אונזער הויז
און האָט מיך אויפגעמאָנט פון מאַן מיינעם,
איז נאָכגעגאַנגען וויינענדיק מיין מאַן,
און איך — מיט פרייד בין איך אַ רויב געוואָרן
צו טיילן ווידער זיין געלעגער.
שוין אַכצן יאָר אַזוי.
שוין גראָ געוואָרן מיינע האָר,
מיין שויס פאַרטריקנט,
און ער — פון יעדן דאָרף און פעלד
האָט ווייבער זיך גענומען, ווייבער, ווייבער —
און שאולס טאָכטער, ערשטע ליבע,
קיניגלעכע גאָב אין פאַסטעך-אָרעמס —
שאולס טאָכטער, אַ געפאַנגענע ביי אים,
האָט יעדע נאַכט איר בעט געטיילט
מיט פינצטערניש און לעכצעניש און שאַנד,
און קנאה האָט געגליט אין מיר
צום פאָטער און צו ברידער,
וואָס האָבן טויט געפונען דורכן שווערד,
האָט ער געוואָלט באַוואָרנט זיין,
עס זאָל מיין שויס קיין קיניג נישט געבוירן
פון שאולס הויז —
פאַרוואָס האָט ער דעם שווערד מיר נישט געשיקט
און כ׳וואָלט אים פון דער שרעק באַפרייט?

בת־שבע

(ברעכט די הענט, ציט זיך מיטן קערפער אין דער הויך,

(פארדעקט די אויגן און קנוילט זיך ווידער איבער די קני)

מיכל

פאַרגיב די רייד מיינע, בת־שבע!
דאָס אומגליק דיינס האָט אויפגעהויבן
דעם שווערן שטיין, וואָס איז געלעגן אויף מיין האַרץ,
ווי אויף אַ טויטן ברונעם,
און סריזלען זיך מיינע ווייטיקן אַרויס.
ווי איך — אַ קרבן זיינער ביסטו.
נאָר דו ביסט יונג, און איבער דיר
די שטאַרקע האַנט פון זיידן דיינעם, אחיתופל,
וואָס וועט מיט ליבשאַפט און נקמה אויסהיילן
די ווונדן פון דיין האַרץ,
און איך — דער קאַליקע מריבעל,
דאָס לעצטע שוואַכזיניקע איבערבלייב
פון שאולס הויז, איז מיר דער שוץ, דער איינציקער
אין עלטער מיינעם, אין מיין שאַנד און עלנד.

בת־שבע

(מיטן קאָפּ פאַרגראָבן, לאָזט אַרויס אַ פאַרשטיקטן געשריי פון פּיין)

מיכל

איך וועל דיך לאָזן צו דיין רו, בת־שבע,
זאָל קומען טרייסט אויף דיר!

בת־שבע

רו צו דיר, קיניגין.

מיכל

(גייט אַרויס, באַגלייט ביז צו דער טיר פון תרצהן)

בת־שבע

(הויבט זיך אויף, מיט אַ האַנט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטאַנג ביים געלעגער)

מאַך צו די טירן,
ענגער פאַרצי די פאָרהאַנגען, תּרצה,
זאָל קיינער אַהער נישט אַריינגיין.

תּרצה

(טוט עס, צוריקגייענדיק)

און אַז דער קיניג? — —

בת־שבע

זאָל קיינער אַהער נישט אַריינקומען!
זיי דאָ מיט מיר.

תּרצה

מיט דיר וועל איך בלייבן, קיניגין!

בת־שבע

רוף מיך נישט — קיניגין!

(לאָזט זיך אַראָפּ אויפן געלעגער, שפּאַרט זיך אָן)

איך בין דאָס ווייב פון מיין מאַן
און קען נישט קיין אַנדערן.

תּרצה

ווערסט נישט די טויטע צוריקרופן.

בת־שבע

דאַרף איך אוריהן רופן?
זעסטו נישט, תּרצה, ביינאַכט
ווער ס'קומט און וואַכט איבער מיר?

תּרצה

זעונגען זעט דאָס קראַנקע האַרץ.

בת־שבע

זעונגען זע איך? און ווער האָט דאָס קינד,

ווער האָט דאָס קינד פאַרנומען?
היינט פאַרטאָג איז אוריה געקומען,
זעט ער — איך ליג און וויין.
זאָגט ער: דו וויינסט אויפן קינד,
ביסטו שוין זיינע.
שריי איך דורך טרערן: נאָר דיך האָב איך ליב —
זאָגט ער: אויב מיך האָסטו ליב —
גיב מיר דאָס קינד אַוועק!
ווייס איז געווען זיין פּנים אין צאָרן.
האָט אויפגעציטערט דאָס לייב אויף מיר.
האָב איך געשטאַמלט:
טו ווי דו ווילסט, מיין האַר!
און איך האָב געהערט זיינע שווערע טריט,
ווי ער גייט אַהין וווּ עס ליגט דאָס קינד,
און געהערט זיינע טריט אַוועקגיין.

תּרצה

יאַהווע, באַשיץ אונז!

בת־שבע

שפּעטער געקומען צוריק,
זעט ער מיך ווידער וויינען.
פרעגט ער: אויף וועמען וויינסטו אַצינד?
זאָג איך: אויף דיר, וואָס דו האָסט מיר קיין קינד
נישט איבערגעלאָזט זיך צו שפּילן,
ווען דו ביסט אין קיניגס שלאַכטן אַוועק.
שטייט ער אַ שטומער,
ווערן פון גרויס רחמנות אויף אים
טרוקן ביי מיר די אויגן.
כאַפּ איך זיך אויף
און ווייס, אַז דאָס קינד איז טויט,
נאָר קיין טרער איז נישטאָ אין די אויגן.

תרצה

(ווי צו זיך אליין)

און וואָס וועט זיין, אַז דער קיניג וועט קומען?

בת־שבע

רעד נישט, דערמאָן נישט!

תרצה

ער וועט דאָך קומען — ער האָט דיך ליב.

בת־שבע

ליב האָט ער — זאָגסטו?

(פאַלט צוריק מיט פאַרמאַכטע אויגן, רעדט פון עקל)

קנעכט, וואָס באַפאַלט אַ פרעמדן טיש,
וואַרפט זיך מיט אָרעמס אָן, רייסט און פרעסט,
וואַלגערט זיך נאָכדעם באַזאָפן אין קויט.
נאָר אויגן, פאַרהונגערטע, רויבערשע אויגן —
זיי פרעסן און פרעסן נאָך אַלץ — —
ליב האָט ער, זאָגסטו...

תרצה

פון פאַסטעך-ביידל, בערג און היילן
קומט דער קיניג.

בת־שבע

איז דען אַ ווייב אַ וואָלף אין פעלד?
איז דען אַ ווייב אַ מדבר-חיה,
אַז גנבענען זאָל זיך פון הינטן אַ פאַסטעך
און כאַפן זי אומבאַשיצט?
האָסטו געהערט וועגן פלישתי, תרצה?

תרצה

האָב נאָך אַלס קינד אַ ליד געזונגען.

בת־שבע
אַ ליד געזונגען — דעם העלד באַזונגען...
(לאַכט אין זיך)
וואָלט איך אוריה אַזוי געטון:
כאַפּן שטיינדלעך פון טייך
און שיסן פון ווייטן אין שטערן דעם ריז?

תרצה
ניין, מיטן ריז אין האַנט-געפּעלט
וואָלט אוריה געגאַנגען.

בת־שבע
און וואָלט געפאַלן, און וואָלט געפאַלן אין שלאַכט...
ביסט מיר אַ שוועסטער, תרצה, זאָג:
האָט מיר אוריה גוטס געטון,
וואָס ער האָט די אויגן מיר אויסגעטריקנט?
האָט ער געדאַרפט מיר בינדן די פיס,
איך זאָל נישט קענען צום קבר גיין
און זען מיין קינד פאַרשאָטן?
זאָג מיר, תרצה —
האָב איך געוואָלט דאָס קינד, צי ניין?

תרצה
איך ווייס נישט, צי דו האָסט געוואָלט, צי ניין,
נאָר ס'איז דיין קינד געווען.

בת־שבע
מיינס — נישט אוריהס...
(עס דערהערט זיך אַ שטיל קלאַפּן אין טיר)

תרצה
(גייט עפנט די טיר, רעדט הינטער די פאָרהאַנגען)
קראַנק איז די קיניגין.

פאַל איך צום קיניגס פיס — — —

דוד

(זיין קול קומט פון הינטערן פאָרהאַנג)

ג״י זאָג בת־שבען:

נישט דער קיניג דוד קומט צו איר,

נאָר דער פּאַסטעך דוד, דער שווער־געשטראָפטער.

תּרצה

(קומט אַריין)

אַזוי זאָגט אונזער האַר דער קיניג:

נישט קיניג דוד קומט צו דיר —

(איר קול ברעכט זיך)

נאָר דער פּאַסטעך דוד, דער שווער־געשטראָפטער.

בת־שבע

זאָג דעם קיניג, תּרצה:

בת־שבע איז נישט אַליין דאָ, איר מאַן

וואַכט ביי איר געלעגער.

דוד

(קומט אַריין)

וואָס מיינסטו מיט די רייד, בת־שבע?

בת־שבע

(שטייט אויף אַנטקעגן אים)

אונטערן דעק פון טויט

זעט נישט דער מערדער זיין קרבן מער,

ווייב אָבער זעט איר מאַן און געליבטן

אויך אונטער זיבן זאַמדן.

דוד

(באַפעלט שטום תּרצהן אַוועקצוגיין)

תרצה
(פארלאָזט הינטערהייעכטס די שטוב)

דוד
דער טויט האָט אַ גרוב צווישן אונז געגראָבן,
און דו האָסט עס פאַר אַ ברונים פון האַס געמאַכט
(בויגט דעם קאָפּ פאַר איר)
וועסטו לאָגלען מיט האַס פון ברונים שעפּן
און מיך דערמיט צו דיין טרייִשאַפט זאַלבן.

בת־שבע
האָט נישט דער גרעבער, דער טויט,
דאָס פּנים געהאַט פון מיין קיניג?
ווער ס'האָט געגראָבן אַ גרוב,
דער האָט געשלאָגן אַ קוואַל —
טרינקט ער אַצינד פונעם קוואַל.
דינסט קען נישט זאַלבן איר קיניג —
דינסט קען נאָר שטילן זיין דורשט.

דוד
דער קנעכט האָט דאָס פּנים פון זיין האַר אָנגעטון...
ווי אַ קנעכט איז דער טויט מיר אין שלאַכט געווען,
נאָר מיט דיין האַס באַטרונקען און פון אים געשטאַרקט,
איצט וואַרפט ער מיך צו די פיס פון דיר.

בת־שבע
האָט זיך דאָס לייבישע הארץ פון קיניג
איינגעשרומפּן פון אייגענער שרעק?
אָדער עס בויגט זיך דער גיבור אַזוי
פאַר יעדן, וואָס קומט אים אַנטקעגן מיט האַס,
אַז די פיילן פון האַס זאָלן פליען אַריבער
דעם רוקן געבויגענעם?

דוד

ניט קיין קיניג בין איך און נישט קיין גיבור,
אַן אָרימער פּאַסטעך, פון זיין פעלד גערופן —
אַ פאָלק אין זיין בלוט פון קנעכטשאַפט דערלייזן.
נישט אויף מיינע אַקסל העננגט דער מאַנטל פון קיניג:
מאַכט און טויט, וואָס צום וואָפן מיר דינען —
זיי טראָגן דעם מאַנטל פון קיניג אויף זיך...

בת־שבע

האָט עס אַ פּאַסטעך פון פעלד און ביידל
מיך אויף זיין הארטן געלעגער פארשלעפּט?

דוד

זינדיק בין איך, בת־שבע!
די מאַכט, מיר געגעבן אַ פאָלק צו דערלייזן,
האָב איך געשיקט אויף רויב נאָך דיין יונגן לייב.
מיטן טויט, מיר געגעבן דעם פיינט צו באַזיגן,
האָב איך פאַרשניידן געוואָלט די זינד קעגן דיר,
האָט די זינד פון דיין שויס אַ קינד אונז געבוירן
און איצט, אַז איך האָב אים אין ערד פאַרפלאַנצט,
וועט נאָר ערד אונז קענען צעשיידן.

בת־שבע

האָסט דאָך דעם בונד מיט מיר נישט געוואָלט!
האָסט דאָך געוואָלט אוריהן אים שענקען!
האָסט דאָך אוריהן געשיקט צו מיר —
זיינער זאָל ווערן דער בונד!
איז ער געקומען, ווי דו האָסט געוואָלט,
און האָט אים היינט צוגענומען.
אָט שטייט אוריה צוקאָפּנס מיין בעט —
מאָן אונזער בונד ביי אים!

דוד

(קוקט אהין א צעמישטער)

צוקאָפּנס דיין בעט שטייט אוריה,

און אונזער בונד איז אין זיינע הענט — —
(ווי ער זאָל דערזען)

אוריה, אוריה!
זיבן נעכט האָב איך דיך גערופן,
און דו האָסט דיין פּנים מיר נישט באַוויזן.
איצט ווייס איך, ווו דו האָסט זיך פון מיר באַהאַלטן.
איצט זע איך דיך — און הער מיך אויס!
(פאַלט אויפן פּנים אהין, וווּ עס דאַרף שטיין אוריה צוקאָפּנס פון געלעגער)

בת־שבע

(אַ צעמישטע)
האַר מיינער! קיניג!
(פאַלט לעבן אים אין דער זעלבער ריכטונג, אין לויף פון זיינע רייד ענטפערט זי מיט געהאַרגענע קלאַנגען, ווי אַ צעשטויסענער פלוס פון טערטער)

דוד

הערמיך אויס, אוריה!
דעם זוימען פון דיינע לענדן האָב איך גזלענען געוואָלט
און מיט דיין ערלעכן פלאַנץ מיין זינד פאַרדעקן,
נאָר דיין ריינקייט האָט מיך מיט מיין שקר געשלאָגן,
און דעם קלאַפּ האָב איך אין דיין בלוט פאַרטרונקען.
הער מיך אויס, אוריה!
דיין אומשולדיק בלוט האָט מיין האַרץ פאַרפלייצט,
און עס טרינקט זיך אין ליבשאַפט צו דיין געליבטער.
דיין געגזלט קינד האָסטו צוגענומען,
נאָר דיין בלוט פון מיין האַרצן קענסטו נישט נעמען.
גיי צוריק, אוריה, צו דיינע טויטע ביינער,
און באַפריי די געליבטע פון בלוט, וואָס לעבט!
טו אַ קוק, אוריה!
צעשניטן האָט מיין האַרץ דער שווערד פון פייז,
און אין צאָרן פון הימל ברענען די שטיקער,

ניזשט דיין פרוי איז די, וואָס ליגט לעבן מיר,
און נישט דאָס לייב אירס גאָלדיקט דער זון-פאַרגאַנג:
דאָס לויכט דאָס גאָלד פון מזבח מיינעם
און מיין הארץ, דער קרבן, אין פייער ברענט.
שייד זיך אָפּ, אוריה! מיטן שאָטן פון טויט
פאַרהיל נישט דאָס פייער אויף מיין מזבח!

(ער הויבט זיך אויף פּאַמעלעך, מיט אים אויך זי. שטייען איינס קעגן אנדערן, זי — פון שטוינונג האָט מורא צו קוקן אויף אים, ער אויף איר קוקט אָפן מיט אַלץ-פאַרשלינגענדיקער ליבשאַפט)

דיין פּנים איז בלייך און דיינע אויגן מיד.
אויף דיין געלעגער גיי און רו, בת-שבע!

בת־שבע

(הויבט אויף די אויגן אויף אים, קוקט אים אָן אַלץ אומרוי-קער, שרייט אויס)

תּרצה! תּרצה, קום אַהער:

דוד

(קוקט אויף איר אַ צעשראָקענער)

תּרצה

(קומט אַריין צו לויפן, קוקט ביידן אָן אין מורא)

בת־שבע

לאָז מיך נישט אַליין דאָ, תּרצה!
איך האָב מורא.
גוטסקייט הער איך, און האָב מורא,
הינטער גוטע אויגן בלאַנקען שווערדן.
קיניג מיט זיין טויטן גיבור
ציען שווערדן דאָ איבער מיין קאָפּ!
לאָז מיך נישט אַליין.

דוד

(מיט געבעט)

זע מיינע הענט, בת-שבע!
זע מיינע הענט, די פאַרלאָרענע!

בת־שבע

הינטער דיין פאָלע טראָגסטו אַ שווערד.
ווייז מיר דיין שווערד!
גיב מיר דיין שווערד און באַפעל
גיין צו מיין מאַן און מיין קינד!
גיב מיר דיין שווערד!

דוד

דעם שווערד פון הינטער מיין פאָלע ווילסטו?
דעם קיניגס באַפעל פון מיר פאַרלאַנגסטו?
אָט איז מיין מאַכט און אָט איז מיין שווערד!

(וואַרפט אַראָפּ פון זיך די אויבער-שמלה און בלייבט שטיין אין אַ זאַק פון אבלות אויפן נאַקעטן לייב, מיט אַ שטריק אַרומגע-גאַרטלט, און די הענט אַראָפּגעלאָזט)

בת־שבע

(פאַלט אין געוויין אויפן געלעגער)

דריט בילד

(באגינען אין בת־שבעס שטוב. גראָע ליכט שלאָגט זיך דורך.
ביים טיר צווישן די פאָרהאנגען זיצט דוד. לעבן אים אויף
דער ערד — תרצה. רעדן שטיל)

דוד

עס איז גוט צו זען, ווי זי שלאָפט אַזוי שטיל.
קוקן נישט אַזוי אויס קליינע קינדער אין שלאָף?

תרצה

גוט ווערט איר טון דער שלאָף, מיין האַר.

דוד

איך האָב קיינמאָל נישט געזען, ווי מיינע קינדער שלאָפן.
און דו ביסט מיט איר דאָ טאָג ווי נאַכט?

תרצה

דאָ בין איך, קיניג.

דוד

און אין דרויסן פאַרן הויז ביסטו נישט געוועןֿ?

תרצה

ניין, מיין האַר.

דוד

(זי צו זיך אליין)
אַבשלום מיין זון גייט אַרום צווישן פאָלק.

תרצה

שיין איז דעם קיניגס זון.

דוד

(הי פון א שטאָך)

דו ווייסט עס אויך? יאָ, שיין איז אבשלום...
איך אין מיין יוגנט בין אויך געווען שיין.

תּרצה

לידער פון קיניג זינגט מען.

דוד

און אין ווּקס איז אַבשלום אַסך העכער פון מיר?

תּרצה

כ'ווייס נישט, קיניג.

דוד

קיניג שאול איז נאָך העכער פון אים געווען.
נאָר קיין קינדער האָט ער נישט — אַבשלום.

תּרצה

(שווייגט)

דוד

און אַמנון איז פאַרזונקען אין לוסטן פון לייב.
נאָך אים וועט קיינמאָל נישט נאָכגיין דאָס פאָלק.
ווי מיינסטו, טאָכטער?

תּרצה

כ'ווייס נישט, מיין האַר.

דוד

און אין דיין היימישן דאָרף האָט מען גערעדט פון מיר?

תּרצה

אייביק זאָל לעבן דער קיניג דוד —
האָט מיך מיין פאָטער געלערנט.

דוד
איז אין יהודה דיין דאָרף אָדער אין ישראל?

תרצה
ס'איז אין יהודה מיין דאָרף — עדולם.
(פון געלעגער קומט אַ פאַרשלאָפענער קול)

בת־שבע
תרצה!

דוד
(הויבט זיך האַסטיק, גליטשט זיך אַרויס פון דער טיר, פאַרשווינדט)

תרצה
(לויפט צום געלעגער)
געבענטשט איז דיין אויפשטיין, קיניגין!

בת־שבע
ווער איז געווען דאָ מיט דיר?

תרצה
קיינער נישט, קיניגין!

בת־שבע
(נאָך האַלב פאַרשלאָפן)
קיינער נישט, זאָגסטו?
דאָרט ביי דער טיר איז אוריה געשטאַנען.
אויגן ווי בייזע לבנות
פון אונטער וואָלקנס אַרויס.
און ערגעץ ווו האָט אַ האַרפע געשפּילט,
און ס'האָבן די קלאַנגען געדיכטער געטריבן
די וואָלקנס צו אים אויפן פנים.

תרצה
(צעשראָקן)
האָסטו געהערט?

בת־שבע
(הויבט זיך אויף)
און דו?

תרצה
(ענטפערט נישט, גייט נאָך אַ בעקן וואַסער מיט אַ האַנטעך ברענגט עס)

בת־שבע
(ווענדט עס אָפּ פון זיך)
האָסטו די האַרפע געהערט?

תרצה
הינטער דיין טיר האָט די האַרפע געשפּילט.

בת־שבע
ווער האָט געשפּילט?

תרצה
דער, וואָס דיין ליבשאַפט זוכט.

בת־שבע
(לאָזט אַראָפּ די אויגן)
שטיל צו דיין האַרצן פאַרגנבעט ער זיך
אַזוי ווי אַ פאַנגער צום רויב,
ציטערט פאַר דיר ווי אַן עלנדער לאַם,
וואָס דו ווילסט אויף דיין ברוסט דערוואַרימען.
פון הינטער דיין טיר, פון הינטער דיין שלאָף
פאַרוואַרפט ער אַ נעץ פון רחמנות
אַרום דיין קראַנקער נשמה —
און פאַנגט זי פון דיר אין שלאָף...
(וואַשט זיך קוים, רוקט אָפּ פון זיך דעם בעקן)

תרצה
(גייט אַוועק דערמיט, קומט צוריק מיט אַ בעכער געטראַנק)

בת־שבע

דיר האָט ער אויך דאָס האַרץ געפאַנגען.
זאָל ער דיך רופן — וואָלסטו געגאַנגען,
וואָלסט דאָך מיט פרייד געגאַנגען צו אים.

תרצה

(טראָגט איר דעם בעכער צום מויל)

בעך כאָטש די ליפּן אָפּ!

בת־שבע

(טוט עס מיט ווידערווילן)

און וואָס האָט ער דאָ גערעדט מיט דיר?
דאָ ביי דער טיר מיט דיר?

תרצה

(א געפּלעפטע)

כ׳ווייס נישט, איך האָב נישט פאַרשטאַנען,
האָט זיך געפרעגט אויפן פאָלק אין דרויסן,
און צי גייט אבשלום אין פאָלק אַרום,
און צי העכער פון אים איז אבשלום.

(וויינט אַרויס)

כ׳ווייס נישט, איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

בת־שבע

גייט צווישן פאָלק אבשלום אום...
אבשלום איז העכער פון אים...

(צו תרצהן, שאַרף)

עמיצער קלאַפּט דאָרט, עפן די טיר.

תרצה

(ווישט זיך די אויגן, עפנט די טיר.

עס קומען אַריין מיכל און מעכה און הינטער זיי אחיתופל,
דער לעצטער איז אליהב)

מיכל

איך האָב די שעהן פון דער נאַכט געטריבן,
זיי זאָלן גיכער ברענגען מיך צו דיר אין טרייסט,
אַז איך וועל זען דעם טאָג אין דיינע אויגן אויפגיין.

מעכה

דיין גוטער זיידע האָט מיר מוט געגעבן
צו ברענגען דיר אין צער און טרייסט
דאָס האַרץ פון פרוי און מוטער.

בת־שבע

איר זענט מיר ביידע ווי מוטערס, קיניגינס!

תרצה

(טראָגט די פרויען שטולן צו זעצן זיך, און די מענער בלייבן שטיין)

בת־שבע

שטיי נישט פונווייטן, זיידע!
לאָז מיך אַ וואָרט פון דיר הערן.

אחיתופל

אָט באַלד, מיין קינד,
און נישט פון מיר אַליין,
די ליפּן פונעם גאַנצן פאָלק —
זיי וועלן ברענגען דיר דאָס וואָרט.

בת־שבע

וואָס וועט מיר ברענגען דאָס פאָלק?

אחיתופל

דערלייזונג אונזערע, מיין קינד.
וועסט עפענען דאָס פענצטער, וועסטו זען:
אין דער אומזיסטער שטראָף אויף דיר

קומט אויף דיין אָפּצאָל שוין,
פֿאַר דיר אַן אָפּצאָל און פֿאַר אַלעמען,
דערלייזונג פֿאַר אונז אַלעמען, מיין קינד!

מיכל

אין בלוט אויף דיינע שוועלן
האָט זיך דעם פֿאָלק דערקענט זיין הערשער.
איצט ליגט זיין שווערד פֿאַר זיי,
ווי אַ מגילה אַ צעוויקלטע,
און בלוטיק שרייט פֿון בלאַנק אַראָפּ
די הערשאַפֿט זיינע.

אליהב

און אַ בענקעניש האָט אָנגעכאַפּט דאָס פֿאָלק
צו די האַרן, צו די זקנים די אַמאָליקע...
אוי, ווי גוט געווען פֿאַר האַרן פֿעלדער אַקערן,
און ווי גוט צו זיי די שאָף אָוועקפֿירן,
און ווי גוט ביי זיי דעם רוקן אונטערשטעלן
פֿאַר דער רוט.
אוי, ווי גוט!
בענקט דאָס פֿאָלק צוריק.

אחיתופל

נישט וועגן רויב און רוט איבערן פֿאָלק
אים זוכן זקנים און כוהנים,
נאָר מיד זענען שוין פֿאָלק און האַרן גלייך
צו זיין ווי קערנער צווישן מילשטיינער
פֿון איינעמס תאוות און זיין דורשט צו מאַכט.
אַ הערשער וויל דאָס פֿאָלק,
וואָס זאָל מיט רעכט און פֿרידן
פֿאַר אים און נישט פֿאַר זיך געוועלטיקן.

אליהב

הערשער וויל דאָס פֿאָלק!

ווען אַ הערשער אויפֿן פֿאָלק נישט הערשן,
ווען דער אייזל מער די לאַסט נישט וועלן טראָגן,
ווען דער טייטלבוים פֿאַרשלינגען זיינע טייטלען,
וועלן זון און שטערן טונקל ווערן —
אויב אַ הערשער וועט נישט הערשן אויפֿן פֿאָלק...

אחיתופל

די זון און שטערן וועלן לויכטן, קיניגס ברודער!
נאָר ס'וועלן לייט ווי דו,
וואָס מאַכן זייער היים אין יעדן שאָטן,
און ווי בן בכרי דאָרט, וואָס טראָגט אַרום
דעם אומזין זיינעם אויפֿן שפּיץ פֿון שווערד —
איר וועט דאָס פֿאָלק צערייסן פּאַסנווייז,
אויב ס'וועט פֿון אייך אַ הערשער נישט באַשיצן.

בת־שבע

גייט אבשלום צווישן פֿאָלק אַרום?

אליהב

זיינע שיינע לאָקן, זיינע אָרעמבענדער
טראָגט אבשלום צווישן פֿאָלק אַרום.
זאָל מען וויסן: פֿערד מצרימער,
רייטוועגן און רייטער האָט אבשלום,
זקנים און כוהנים און נביאים האָט ער —
אַלע וועט ער זיי באַוואָפֿענען
קעגן דעם פֿאַרדאַרבער, דעם געפֿערלעכן,
קעגן מיר, אליהבן...

מעכה

מיין זון איז קיניגס איינינקל.
זיין לייב איז נישט פֿאַר פֿאַסטעך־העמד.
און ווי דער שטעקן פֿאַרן פֿאַסטעך
איז פֿערד און דינער פֿאַרן קיניג.

בת־שבע
(שאַרף)

גייט קעגן פאָטער דער זון?

אחיתופל

דער זון איז קיניגלעכער אָפּשטאַם,
און ריין די הענט און פריי דער מוט
צו לאָזן פאָלק און זקנים פרידלעך לעבן.
וואָס איז דען זון און פאָטער, ווען עס דאַרף
אַ פאָלק דערלייזט ווערן?
די האַנט פון רעכט וועט אויפקומען
אויף דיר, ווי אויף אונז אַלעמען, מיין קינד.

מעכה

ווּעסט זיין די קיניגין, און מיינע הענט,
די מוטערלעכע, וועלן דיינע וויען
ווי בייזע פליגן אָפּטרייבן פון דיר.

בת־שבע
(מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ)

מיך מיינט איר, זיידע?
איינמאָל דורך ליבשאַפט געוואָרן אַ ווייב,
איינמאָל דורך זינד געוואָרן אַ ווייב,
זאָל איך צום דריטן מאָל ווערן אַ ווייב
דורך זונס פאַרראַט קעגן פאָטער?

דוד
(בלייבט אומגעריכט שטיין פאר דער טיר)

פאַר דיין ערלעך וואָרט אַ דאַנק דיר, בת-שבע!
אין דיין האַס צו מיר לויכט דיין ערלעך וואָרט
מיט דעם לויטערן ליכט פון דיין האַרץ.

אלע
(שפרינגען אויף, שטייען דערשטוינט)

בת־שבע

(אויך אַן אויפגעשפּרונגענע אין שרעק)

וואָס האָט געהערט דער קיניג?

דוד

נישט געהערט, בת־שבע, נאָר אונטערגעהערט.
הינטער דיין טיר געשטאַנען און אונטערגעהערט.
וועט דיין זיידע צו אַלע רייד וועגן מיר
אויך זאָגן: דוד דער אונטערהערער,
דער שווינדלער דוד און ווערטער־גנב.

בת־שבע

קיניג!

דוד

דו דאַרפסט זיך פאַר מיר מער נישט שרעקן, בת־שבע!
וואָס איז אַ רויבער־פּאַסטעך און ווער איז דוד?
צווישן מיר און דיין זיידן איז ער איצט דער שופט
און צו מיין לעבן האָט ער די הענט אויסגעשטרעקט.

אחיתופל

נישט איך דאַרף זיין דער שופט,
דער וויי־געשריי פון אחיתופלס הויז
איז ווי מורמל פון אַ שטילן קוואַל
אַנטקעגן דעם געשריי פון פילע וואַסערן,
מיט וועלכן ס׳שרייט דאָס גאַנצע הויז ישראל.

דוד

ווען עס דאַרף דיך טרעפן די האַנט, וואָס שטראָפט,
רירן זיך בערג פון אָרט און שטיינער עפענען די מיילער
און אחיתופל קומט רעדן פאַרן הויז פון ישראל,
נישט פאַלק האָט דיך איבער מיר צום שופט געשטעלט,
נאָר אין דער קללה, וואָס הענגט איבער מיר,
ביסטו מיר דער שופט און מיין זון—דער קלאָגער,

און מיין פּאָטערס זון איז די רוט פון משפּט.

אליהב

דאָס האָט מיך דער טאַטע נישט געלערנט.
סטאַדעס פּאַשען, לעמער שערן
האָט דער טאַטע מיך געלערנט,
אָבער משפּטן מיט ריטער —
דאָס האָט מיך דער טאַטע נישט געלערנט.

דוד

איז צו וואָס ביסטו געקומען אין טאָג פון מיין אומגליק
זיך פאַרבינדן מיט די, וואָס זאַמלען אויף מיר שלעכטס?

אליהב

נישט פון היינט בין איך געקומען.
גיי אַרום אַלע מאָל אַזוי.
אַלטער שמואל מיטן לאָגל אויל
האָט אַ ברודערל ביי אונז פאַרבלענדט
אויף אַ מאַכט און אויף אַ הערשאַפט.
און אויף גאָר די זינד פון הערשאַפט.
גיי איך נאָך מיין ברודער דעם פאַרבלענדטן:
אפשר וועל איך אים ווו אָפּשטעלן
און דערמאָנען אָן זיין היים.

דוד

האָסטו געוואַרט אויף מיין אומגליק און ער איז געקומען.

אליהב

אפשר וועט ער ערשט זיך אומקערן,
צו דער שוועל דעם טאַטנס צופאַלן...

דוד

(שטייט אַ צעמישטער, קוקט אים אָן)

וועט די זון אין די בערג דעם אויל אויסטריקענען?

ווען דער ווינט אין די בערג די קללה פאַרטראָגן?

אליהב

ווערסט די זאַלבונג אָפּטראָגן צוריק
ווו ד'האָסט זי גענומען.
ווען די קללה אין דעם טאַטנס הויז
נישט געוועלטיקן.

דוד

זאָל צוריקגיין דער פּאַסטעך פון וואַנען ער איז געקומען...
אָפּגעדינט זיין דינסט און קען צוריק אַוועקגיין.
און דעם מאַנטל פון מאַכט, אין זינד פאַרטונקען
זאָל אויפהויבן דער, וואָס וויל אים ווייטער טראָגן...
(קוקט זיך אַרום אויף אַלע אין שטוב)
ווען דער פּאַסטעך-שטאָק אין דער געעלטערטער האַנט
שטילן דעם האַס פון די, וואָס לויערן אויף מיר?

אַלע

(שווייגן)

דוד

(צו בת-שבען)
ווערסטו וועלן זיצן מיט מיר צווישן די סטאַדעס?

אחיתופל

מיין קינד איז נישט געוואָקסן צווישן סטאַדעס
און נישט געפּיטערט אויף דער זון די לעמער.
וואָס זייער וואָל האָט זי געשפּינט.

דוד

דאַרף דיין זיידע ריידן פאַר דיר, בת-שבע.
און איז אין די אייגן מויל קיין ענטפער נישטאָ?

בת-שבע

(שווייגט)

דוד

אַז דו זעסט נישט די שטראָף, וואָס איז מיך באַפאַלן, ברודער!

(צו מיכל)

האָט מיין האַרפע אַמאָל הינטער דיין טיר געשפּילט

פון מיין ליבשאַפט צו דיר, שאולס טאָכטער?

מיכל

דיין האַרפע האָט געשפּילט נאָר פאַר מיין קראַנקן פאָטער

אַ לאַנד און פאָלק פון אים אַרויסצושפּילן.

דוד

מיין האַרפע האָט געשפּילט נאָר פאַר דיין קראַנקן פאָטער

אַ לאַנד און פאָלק פון אים אַרויסצושפּילן.

(צו מעכה)

האָט מיין האַרפע אַמאָל הינטער דיין טיר געשפּילט

פון מיין ליבשאַפט צו דיר, תלמיס טאָכטער?

מעכה

ניין, קיניג!

דוד

פון דער פרעמד האָב איך דיך אויף מיין געלעגער געבראַכט,

אַ זון צו געבוירן פון קיניגס בלוט —

אַ זון, וואָס זאָל זיין שווערד איצט הויבן אויף מיר...

נישט מיט דיר, נישט מיט איר, נישט מיט קיינער פון אייך

האָט מיך ליבשאַפט פון מאַן צום געלעגער באַגלייט.

ביז די עלטער האָט אויף מיר איר אָרעם געלייגט —

און היינט ביינאַכט בין איך הינטער אַ טיר געזעסן

און מיט האַרטע פינגער די האַרפע געוועקט,

צו ריידן פון בענקשאַפט און ליבשאַפט פאַר מיר.

זעבען די ליפּן פאַרמאַכט פון דער, וואָס איך ליב,

און זי קערט אָפּ די אויגן פון מיר אין האַס —

איז מיר ליב דער האַס און איך בענטש די שטראָף,

אָבער אַז אויך די שטראָף נעמט מען צו ביי מיר —
מיט וואָס וועל איך קומען צוריק אַהיים
און וואָס וועל איך ברענגען פון לאַנגן וואַנדל?

אליהב
האָסט דיין יוגנט אין די בערג פאַרלאָרן —
וועסטו זי צוריק געפינען.
אפשר וועט צום יונגן דוד
די געליבטע קומען אין די בערג,
ווי אַ פויגל צום באַשערטנס נעסט,
נישט אַזוי, בת־שבע?

אחיתופל
אויף פעלזן בערגיקע
ווו אַלטע אָדלערס קוקן אויס
דעם יונגן רויב אים צו פאַרצוקן,
איז שוין מיין קינד אַ רויב געפאַלן,
זי זוכט נישט מער די פויגל פון די בערג.

דוד
איז דאָס אויך דער ענטפער פון דיר, בת־שבע?

בת־שבע
קיינעם זוך איך נישט מער.
נאָר גיין אין דיין היים מיט דיר וועל איך נישט.

דוד
(גלייכט זיך אויס, צו אחיתופלען, שטייף)

פאַר דעם הויז פון ישראל ביסטו מיין שופט געוואָרן.
אויך איך האָב אַ משפט מיטן הויז פון ישראל.
רוף די האַרן, כוהנים, דאָס פאָלק און דעם נביא,
און צום אָפענעם משפט וועל איך גיין מיט זיי.

אחיתופל
דיין ווילן וועט געשען.
(ווִיל גיין)

דוד
קום צוריק, אחיתופל!

אחיתופל
(קערט זיך אום, שטייט ווארטנדיק)

דוד
(קוקט אויף אים מיט טרויער)

געווען אַ בונד צווישן אונז — און צעשניטן דער בונד.
בלוט האָט פאַרקניפּט און בלוט האָט צעריסן.
גיי, גיי, אחיתופל!..

אחיתופל
(גייט אָפּ)

דוד
(צו מיכל)

און אויך דו וועסט מיטגיין, שאולס טאָכטער!
פון פענצטער לאַכן וועסטו היינט נישט דאַרפן.
פאַר די אויגן פון פאָלק מיט פולע הויפנס
וועסטו קענען דיין האַס היינט וואַרפן אויף מיר.

מיכל
(צו אליהבן)

וואָס שטייסטו פון דער ווייט, בן ישי?
באַלד וועט דיין ברודער וועלן וויינען,
גיי נענטער צו, שטעל אָן דיין ברוסט
פאַר זיינע טרערן.

(ווײנט אַלײן אין אױפרעגונג מיט פאַרשטיקטע טרערן, גײט אָפּ אָן א זײט)

דוד

(קוקט איר נאָך א װײל. צו מעכה)

און דו, תלמיס טאָכטער, ביסט פרײ פון רײד.
פאַר דיר װעט דײן זון שױן רײדן אַלץ...

מעכה

(קערט זיך שטום אָפּ)

דוד

און דו, בת-שבע — —

בת־שבע

איך װעל צום פאָלק נישט גײן.

דוד

איבער דיר מײן שטראָף, איבער דיר דער משפט.
פון הימל און פאָלק—דיך גײ איך מאָנען.

בת־שבע

(פאַלט אויף דער ערד פאַר אים)

קיניג און האַר!
הײס מיך נישט טראָגן מײן װײ צו דער װעלט,
הײס מיך נישט טראָגן מײן שאַנד צו דער װעלט!

דוד

שטײ אויף, בת-שבע, און מאַך דיך גרײט.
דײן שאַנד איז שױן לאַנג פון מײן מאָרד פאַרדעקט.
און הינטער מײן שטראָף װעסטו דײן װײ באַהאַלטן.
(צו אליהבן)
קום, ברודער!
מיט אונזער פאָטערס אויגן, װאָס קוקן פון דיר,

מיטן שטויבּ פון אונזער ערד אויף דיינע פיס —
קום, פיר מיך, בּרודער מיינער!
(שפּאַרט אָן אַ האַנט אויף אליהבס אַקסל. בּיידע גייען אַרויס)

תּרצה, מיכל, מעכה

(בּויגן זיך איבּער בת-שבע)

פערט בילד

(פארן הויז, ווי דאָס ערשטע בילד. נאָך האלבן טאָג.
אויף דער טעראַסע — דודס הויזגעזינד אין פייערלעכן אָנטון.
צווישן זיי — מיכל, מעכה, אבשלום, אמנון, אחי-
תופל. אונטן אויף די טרעפּ זיצן אליהב און מריבעל.
אין דער זייט פון דער טעראַסע לינקס — אַ גרופּע הארן
און כוהנים. מישן זיך מיטן פאָלק ארום זיי.
פאלק מער ווי אין ערשטן בילד. עס ווארפט זיך גלייך
אין די אויגן די פארטיילונג אויף צוויי לאַגערן: לינקס מיט די
הארן און כוהנים — דודס געגנער, רעכטס, מיט זמרין אין
דער מיט — דודס געטרייע. אנדערע גייען ארום צעטומלט,
נויגן זיך דאַ לינקס, דאָ — רעכטס.
פון פאָרנט צווישן ביידע גרופּן — שבע בן בכרי.
אַ געטומל, קולות פון ביידע זייטן)

שטימען לינקס

— ער וויל אַ משפט — זאָל ער האָבן!
— וואָס קען ער ביי אונז נעמען נאָך?
— נישטאָ שוין וואָס צו נעמען.

הארן

זאָל ער נאָר אַ ווין טון, וועט איר שטום ווערן.

לינקס

— ביי אונז וועט שוין די צונג נישט דאַרן.
— זאָלט איר אונז נאָר נישט פעלשן!

הארן

— אָט זענען עדות אחיתופל און אבשלום.

— פֿאַר יעדערן זיין חלק ערד.
— און מער נישט קיין מלחמות.

שטימען רעכטס

— אַ רויבער גיט זיין רויב נישט אָפּ.
— מיט ציינשן וועלן זיי אייך אָפּצאָלן.

לינקס

— ס'וועט ערגער שוין נישט ווערן.
— גענוג שוין דודן געטרויט.

זמרי

(שרייט אריבער אויף דער צווייטער זייט)

נאַרישע מענטשן! בלינדע, פֿאַרפֿירטע!
האָט איר דעם יאָך פֿון די האַרן פֿאַרגעסן?

(ברעכט די הענט)

וואָס וועט דאָ ווערן? וואָס וועט דאָ זיין?

שבע בן בכרי

וואָס ווייסטו נישט, אַלטער?
מען וועט זיך אַביסל צוקוילענען ביידע:
יהודה — ישראלן, ישראל — יהודהן,
דערנאָך וועט אַ קוילער אַ גרעסערער קומען
און מאַכן אַ שלום ביי ביידן.

אמנון

(אויף דער טעראַסע)

וויל דאָס מיין ליבער ברודער ווערן
דער גרויסער קוילער?
הע־הע! הע־הע!

(לאַכט געדיכט)

אבשלום

דו ביסט באַזאָפֿן, ברודער!

אמנון

געגוג נאָך ווײַן אין קעלטער,
דײַן מאַמע זאָל די פּיקלערס אָנטרינקען.
וואָס קומען זײ נישט הײַנט באַפּייקלען דיך,
דעם גרויסן קוילער?

(זײַן געלעכטער קײקלט זיך הילכיקער און ברייטער)

שטימען לינקס

— ער פּויקט אין לאָגלען לײדיקע!
— מען דאַרף זײ אָנגיסן מיט ווײַן פאַר אים!
— פאַרגיסט דעם גאָרגל אים!

מריבעל

(דערזעט דעם אָנקומענדיקן נתן)

אָט גייט ער שוין! ער גייט!

(אַלע קוקן זיך אום, זמרי וואַרפט זיך אַנטקעגן נתנען)

זמרי

ראַטעווע, נביא!
הענט וויל מען הויבן אויף גאָטס געזאַלבטן!
ראַטעווע!

לינקס

— ער האָט אוריהן אויך געראַטעוועט.
— שוין נאָכן טויט!

נתן

(גייט צו דער טעראַסע, בלײַבט שטיין פאַר די טרעפּ)

וואָס געשעט, אחיתופל?

אחיתופל

ס'איז אומרויק דאָס פאָלק פון קיניגס משפט.

נתן

טאָפּל־שאַרפיק איז דער שווערד פון האַס, אחיתופל!
און ווער ס'טראָגט אונטער דעם שווערד —
שטייט דער נענטסטער צו אים.

אחיתופל

מיין ווייסער קאָפּ
ווערט ווייסער שוין נישט ווערן, נביא!

נתן

רוף נישט דאָס רויט פון בלוט
אויף מיינע ליפּן, אחיתופל!
(גייט אויף דער טעראַסע, צום פאָלק)
מיט זיין שווערן צער קומט צום פאָלק דער קיניג,
און אין צער זאָל זיך פאָלק און קיניג דערקענען.

שטימען לינקס

— מיר קענען אים שוין גוט!
— ער איז אַליין דער שופט —
זאָל ער זיך משפטן אַליין!

נתן

איבער פאָלק און קיניג איז יאַהווע דער שופט.
און פאַרן משפט פון האַר וועלן זיך אַלע בויגן.

לינקס

— ווער ווייסט דעם משפט?

בניהו

(באַווייזט זיך אויפן שוועל, מעלדט)
דער קיניג קומט!

די וואַך

(קומט אַרויס פון הינטערן הויז, נעמט אַרום די טעראַסע פון ביידע זייטן)

אין פֿאַלק

(אַ באַוועגונג. רעכטס — פֿאַלט מען אויף די פּנימער, לינקס — טוען עס אַנדערע אויך, אָבער כאַפּן זיך, קוקן זיך אַרום אויף די אַנדערע, וואָס שטייען און הויבן זיך אויף פֿאַרשעמטע. אַפֿילו צווישן די האַרן איז דאָ אַן אינסטינקטיווע באַוועגונג צו פֿאַלן, וועלכע אַנדערע קענען נישט איינצאַמען.

עס קומען אַרויס דוד און הינטער אים בת־שבע. ביידע אין טרויער־קליידער. זייער אָנטון איז אַ שאַרפֿער קאָנטראַסט צו דער פֿייערלעכקייט פֿון די אַרומיקע, הינטער בת־שבען — תּרצה.)

דוד

(דערזעט דאָס פֿאָלק האַלב־ליגנדיק, האַלב־שטייענדיק. ווערט צעמישט אויף אַ מאָמענט. צאַמט זיך גלייך)

יאַהוועס פֿאָלק, שטייט אויף!

פֿאָלק

(הויבט זיך אויף. רעכטס הערן זיך אויסגעשרייען)

— זאָל לעבן קיניג דוד אייביק!

(לינקס איז שטיל — אַ שווערע, צעשראָקענע שטילקייט)

דוד

(קוקט זיך אַרום אויף ביידע זייטן, נאָך מער צעמישט)

שבע בן בכרי

נישט גוט עפּעס שרייען זיי, וואָס?
אַז דו ביסט געקומען אַהיים פֿון די פּלישתּים
איז בעסער געווען דאָס געשריי, נישט אמת?

דוד

(קוקט אים אָן שאַרף)

שבע

דערקענסט מיך שוין מער נישט?

דאָס בין איך דיין אַלטער חבר בן בכרי.
איך בין עס, דוד!

דוד
איך זע דיך.

שבע
(פאַרלירט זיך, מאַכט אַ טריט הינטערווייַלעכטס, שווייגט)

דוד
(צום פאָלק, שטיל)

שוין זיבן טעג, ווי איר וואַרט פאַר מיין הויז
מיט די נויטן און זאָרג, וואָס האָבן אייך געבראַכט — —

לינקס, ערשטער פויער
מיר האָבן פאַרהונגערט שוין דאָ.

דוד
און מיך האָט אַן אומגליק הינטערן טיר געהאַלטן
און איך האָב נישט געקענט אַרויסגיין צו אייך.

לינקס צווייטער פויער
איז וואָס האָבן מיר געזינדיקט?

דוד
מיין איז די זינד און אויף מיר איז די שטראָף.
און איצט, אַז איך בין שוין געקומען צו אייך,
וועט איר ווידער מוזן מיט אייערע נויטן וואַרטן — —

לינקס
— געוואַרט גענוג!
— מיר זענען דאָ געקומען
דו זאָלסט אונז אָפּגעבן דאָס אונזעריקע!
— אָפּגעבן און שוין.

דוד

אַז אין האַרצן ביי אייך בין איך דאָך שוין פאַרטריבן,
איז — וואָס דאַרפט איר נאָך קומען מאָנען ביי מיר?

זמרי

(שטופּט זיך דורך)

דו הער זיי נישט, דוד, נישט אמת!

רעכטס

— ביסט אונזער אויסלייזער און העלפער!
— גלויב זיי נישט!

לינקס

— ס'איז אמת! אמת!
— מיר זענען שוין מיד פון בלוט
— מיר ווילן פרידן.
— אַ הערשער פון פרידן!

האַרן

— גענוג דאָס לאַנד געוואָרגן!
— אין אומרעכט צוואַנציק יאָר!

(דער טומל וואַקסט, עס שלאָגן זיך אָן גענגער מיט גענגער
און עס רייסן זיך קריגערישע קולות פון ביידע זייטן)

לינקס

— צו וואָס נאָך יואבן געשיקט צו רבת עמון?
— אים ווייניק אונזער בלוט געווען ביז ערשט?

רעכטס

— זאָל ווידער אייך דער פלישתי רייסן?
— זאָל מואב אייערע ווייבער שענדן?

לינקס

— מיט הענט, מיט אונזערע, זיך פעסטונגען געבויט,

— ווי היישעריק זיין חיל פרעסט אונז אויף.

רעכטס

— די האַרן האָבן אייך פאַר קנעפּט געקויפט.

— איר, זין פון כנענישע געלעגערס!

— די מאַמעס האָבן זיך אין זנות געוואַלגערט

צופוסנס פון עשתורת!

לינקס

— און איר האָט גאָר די זנות פאַר דודן געלאָזט!

— פאַר אים די זנות, פאַר זיי דער צאָרן יאַהוועס.

— פאַר אים די רינדער און פאַר זיי דאָס מיסט!

רעכטס

— און איר די רינדער שלעפּט צום מולך.

— מיט מולכן די האַרן.

לינקס

— דודס רויב־משרתים!

רעכטס

— איר וועט אונז נישט באַהערשן ווידער!

לייב־וואַך

(פאַלט אריין צווישן פאָלק זיי פונאַנדערצוניעמען)

שבע

(אין מיטן פאָלק פאַכעט מיטן שטעקן, שרייט)

דערלויב מיר זיי איינשטילן, דוד!

הייס מיר דערלאַנגען אַ שווערד?

צי ווילסט עס אַליין בעסער טון?

מריבעל

(הויבט זיך אויף די קוליעס, שרייט)

עס שמעקט מיט בלוט!

עס װעט זיך גיסן בלוט!

נתן

(זײַן קול רײַסט זיך איבער אַלע)

פֿאָלק פֿון יאַהװע! פֿאָלק פֿון יאַהװע!

(דער טומל װערט אײַנגעשטילט)

װער האָט מיט שיכּרות פֿאַרפּלײצט אײערע זין
און אײערע אָדערן מיטן סם פֿון האַס?

האַרן און כּוהנים

— װער האָט דיר שמואלס מאַנטל אָנגעטון?
— מיט מאַנטל מיט נביאישן
פֿאַרדעקסטו דודס מעשׂים!

אחיתופֿל

נישט אומגערעכטער צאָרן קעגן נביא
װעט ברענגען אײַך גערעכטיקײט.
איר, זקנים פֿון ישׂראל!

(צום פֿאָלק, לינקס)

אַ משפּט װיל דער קיניג.
און איר, װאָס קומט אַלײן נאָך משפּט,
דאַרפֿט קענען משפּט געבן.

(צו דודן)

דאָס פֿאָלק — עס הערט דיך, קיניג!

דוד

אַ דאַנק דיר, אחיתופֿל!
איר, װאָס האָט די פֿויסטן געהויבן קעגן מיר,
איר, װאָס איך האָב גערויבט און פֿאַרהונגערט,
פֿאַרװאָס האָט איר די מײַלער פֿאַרשלאָסן ביז ערשט?
פֿאַרװאָס װי די אָקסן מײַן יאָך געשלעפּט?

לינקס

(אָפּגעריסענע שטימען)

— האָסט אונז מיט שרעק דערוואָרגן!
— דיין שווערד ביים האַלז!

דוד

פאַרוואָס האָבן אייך פון מיין שרעק נישט באַפרייט
די, וואָס האָבן אייך ערשט צום צאָרן געלערנט?
ווער האָט מיך איבער אייך פאַר אַ הערשער געמאַכט?
ווער האָט דודן פאָלק און מלוכה פאַרקויפט?
וואָס שווייגסטו, אחיתופל?

אחיתופל

מיין שולד געווען. פון אומגליקן,
וואָס זענען שאולס הויז באַפאַלן,
האָט פאָלק צו דודן גערופן,
און מיר האָבן געגלויבט אין דיר,
געטרויט דיר.

הארן

אויף דיינע צוזאָגן פאַרלאָזט זיך.

דוד

דערפאַר האָט איר פון דודן מתנות גענומען,
וואָס ער האָט פון שונאס ערד אייך געשיקט?
דערפאַר צוריק אַ מתנה געשיקט —
אייער קיניגס קאָפּ אין פאַרבאַקענעם בלוט?

אחיתופל
(דערשלאָגן)

אין האַנט פון שאולס שוואַכן זון
האָט נישט געהאַט קיין רו דאָס לאַנד — —

דוד

האָט איר דודן, דעם רויבער, זיין קאָפּ געשאָנקען,
אַז ער זאָל דאָס לאַנד ווי אַ רויב פאַרכאַפּן,

און דעם רויב זיך טיילן גלייך מיט אייך?
אָבער אַז דער פאַלשער דוד האָט אָפּגענאַרט,
און דאָס פאָלק פון די האַרן אַוועקגעריסן,
און דעם רויב מיט די האַרן נישט טיילן געוואָלט, —
האָבן זיך ווערטער ווי שלאַנגען אין טונקל צעפּויזעט:
דער מערדער דוד פאַרכאַפּט דאָס לאַנד...

אחיתופל

פאַרבראָכן האָבן מיר:
פון וועגן שוץ פון פאָלק
דעם קיניגס לעבן דיר פאַרקויפט.
האָסטו נישט אָנגענומען די מתנה אונזערע —
אישבעלס קאָפּ?
און אַז דו האָסט געטויט די ברענגער,
און אַז דו האָסט אין טרערן זיך צעגאָסן —
האָסטו דען אָפּגעווישט פון זיך דעם מאָרד?
און אַז דו האָסט געקויפט זיך אבנרן,
דעם שוץ פון שאולס הויז,
און נאָכדעם אים געטויט מיט יואבס האַנט
און נאָכדעם ווידער זיך צעגאָסן אין געוויין —
האָסטו דען אָפּגעווישט פון זיך דעם מאָרד?
און אַז דו האָסט מיט יואבס האַנט פאַרשניטן
דאָס יונגע לעבן פון אוריה,
צו קענען ירשענען זיין ווייב,
און ווידער זיך צעגאָסן אין געוויין —
האָסטו דען אָפּגעווישט פון זיך דעם מאָרד?

מריבעל

(הויבט זיך אויף די קוליעס, שרייט)
ער האָט אויף מיין פאָטער אויך געוויינט!
העֶ-העֶ-העֶ!
(לאַכט היסטעריש)

יונתן מיין ברודער!
ליבער ווי די ווייבער־ליבשאַפט
איז מיר יונתן מיין ברודער.
העי־העי־העי!
ער האָט אויף מיין פאָטער אויך געוויינט!

דוד
(בויגט זיך אונטערן געשריי פון מריבעל)

שריי, מריבעל! לאַך, מריבעל!
איך האָב אויף דיין פאָטער אויך געוויינט.
איך האָב אויף דיין זיידן אויך געוויינט.
לאַך, לאַך, מריבעל!

אליהב
(הויבט זיך אויף צו דודן)

גוט אַזוי, ברודער — בויג איין דעם קאָפּ!
זאָלן זיי וואַרפן שטיינער אין דיר,
זאָלן זיי!

האַרן

— מיר האָבן שוין גענוג צו וואַרפן.
— דאָס וויל ער ווידער נעמען וויינען.
— דאָס פאָלק צעווייכן מיט טרערן.

כוהנים לינקס

— מיט טרערן יאַהווען אָפּנאַרן.
— דעריבער דאָ פאַרשלעפּט אַהער
די טאָוולען יאַהוועס.
— די הייליקייט פאַרנומען.
— עס זאָל דאָס פאָלק זיך אָפּקערן
פון די כוהנים היימישע.

פאָלק רעכטס

— וואָס דאַרפט איר יאַהווע — דגון איז פאַר אייך!

— און כמוש! און מולך!

הארן

— קיין כוהן נישט, קיין שופט!
— די גאַנצע מאַכט פאַר אים,
— ער זאָל אַליין דער הערשער זיין.
— דער איינציקער, אַלמעכטיקער!
— פאַר דודן די גאַנצע מאַכט!
— פאַר דודן די גאַנצע מאַכט!

שבע

(רייסט זיך אריין אין געשריי)

און ווייבער-לייב!
דעם חלק ווייבער-לייב!

בניהו

(וואָס האָט זיך ביז ערשט געצאמט)

ווי לאַנג נאָך וועסטו דולדן, קיניג!
באַפעל די וואַך זיי איינצושטילן!

הארן, פאָלק לינקס

— דו לייבנשלעגער!
— דודס וואָפנטרעגער!
— וועסט אונז נישט איינשטילן!

דוד

קיינער וועט אייך נישט איינשטילן, אייערס איז דער משפט!
(עם ווערט שטילער)
איך — דער געמשפטער מיט מיינע פאַרברעכנס,
און איר זענט די שופטים. שרייט!.. שרייט!..
(עס ווערט זייער שטיל)
דודן גאָר די מאַכט! אַלץ אין דודס פויסט...
צו וואָס האָט איר דודן אין זיין רום באַקליידט,
זיך געגרויסט אין זיין מאַכט, זיך געמעכטיקט אין איר?

צו וואָס געשפּרונגען קעגן אים ווי אַ סטאַדע בעק,
און פון געבויגענע קאַרקן אים אַ לייטער געבויט,
אַז העכער זאָל שטייגן זיין הערשאַפט איבער אייך?

אבשלום

פאָטער מיינער, קיניג!

(קניט פאַר אים)

דערלויב דיין זון צו דיר צו רעדן
און פאַרן פאָלק דיר ענטפערן!

דוד

(דערשראָקן, אָנגעצויגן)

שטיי אויף, מיין זון, און רעד.

אבשלום

(שטייט אויף)

גרויסער פאָטער, קיניג מעכטיקער!
עס הויערט איבער אַלע פיינט פון לאַנד
דער שרעק פאַר דודס שווערד.
אין דיר — דערלייזונג, שוץ און גבורה
האָט דאָס צעריסן פאָלק דערקענט,
און פול מיט ליוב און ליבשאַפט האָט עס דין
צו העכסטער מאַכט אַרויפגעטראָגן.
נאָר אין דיין פאָטערס פאַסטעך-הויז —
פאַרגיב מיר, קיניג, מיינע רייד! —
אין ישיס הויז האָסטו די טריט, די מעסיקע
פון הערשער נישט געלערנט,
און אויך אין פרידלעכן און שטילן הויז פון הערשאַפט
הילכט אָפּ דיין טראָט מיט קריגערישן אימפּעט.
אין שלאַכטן פון דיין יוגנט אָן
איז איינגעוואָקסן אין דיין האַנט דער שווערד,
דיין אויער לויערט נאָכן שלאַכט-רוף,
און ווי עס פירט דעם טראָט פון קינד

צום שוועל פון זיין געווינערן,
פירט דיך דיין טראָט — —

דוד

צו בלוט, מיין זון, צו בלוט... רעד ווייטער!

אבשלום

זיי גנעדיק, פּאָטער מיינער, קיניג!
אָט שטייט בן בכרי דאָ — —
זיין שווערד איז ווילד געוואָרן
אין פרייען רויב און נישט געקענט דיר דינען מער
אין דער געהאָרכזאַמקייט פון חיל —
האָסטו דעם שווערד אים צוגענומען.
וועט ער זיך איינשטילן? וועט ער נישט גיין
אין יעדן ראַנגל, רעכט צי אומרעכט,
וואָס וועט אַ שווערד אים אומקערן?

שבע

פאַרלאָז דיך נישט צופיל אויף מיר!

אבשלום

אָט האָסטו נישט געוואָלט מער קיין מלחמות.
פון פרידן וועגן שוין געשיקט שליחים
צום קיניג פון בני־עמון, צו בן־נחשן,
האָט ער זיי דיר צוריקגעשיקט
מיט בערד פאַרשוירענע, געשענדטע,
ווייל קיינער גלויבט נישט דודס פרידן.
ווייל דודס נאָמען מיינט — מלחמה.
שליחים דודס מיינען — רויב.
און ווידער וואַלגערט זיך מיט יואבן דאָס חיל
חדשים־לאַנג ביי רבת עמון,
און ס׳פאָלק מוז ווידער געבן זין און האָב
צו דער מלחמה, וואָס נישט דו האָסט זי געוואָלט.

נישט זיי — און קיינער נישט.

הארן

— געבענטשט דיין מויל, אבשלום!
— ס׳רעדט מוט פון דיר!
— ס׳רעדט רו פון דיר און פרידן.

פאָלק, לינקס

— דו רעדסט פון אונזער האַרץ.
— רעד, רעד, אבשלום!

אחיתופל

רעד ביזן סוף, בן דוד!
און ס׳וועט דאָס לאַנד פון רו נישט וויסן
ביז אָפּטון וועט זיך נישט פון אונז — —

דוד

(אין גרויס אויפרעגונג הויבט די פויסטן אויף אים)

שווייג, אחיתופל!

אחיתופל

(טרעט אָפּ צוריק)

דוד

(זייער געצאַמט, שווער־אָטעמדיק)

געראָכט זענען געווען דיינע רייד, מיין זון!
אָבער נאָך איידער ביסט געקומען מיין קללה אַנטפּלעקן,
האָט מיר נתן פון פריער די קללה געבראַכט,
און נאָך איידער נתן האָט פון איר געוווסט,
האָט זי שמואל פון זיין לאָגל געגאָסן אויף מיר.
(צום פאָלק)

אַ קנעכט האָט אייער האַר פאַר זיינע קינדער געזוכט,
אַז ער זאָל צווישן שונאים דאָס הויז איין באַפעסטיקן.
איז שמואל אויף ישיס פעלדער געקומען

און פון ישיס זין זיך אַ קנעכט אויסגעקליבן.
בין איך דען מער ווי אַ קנעכט פאַרן האַר געווען?
ענטפער מיר, נתן!
וואָס האָט געזאָגט דער האַר ווע, דו ביסט געקומען,
מיט דודס געבעט אים אַ ווּינונג בויען?

נתן

דורך בלוט און געראַנגל איז דער וועג צו יאַהווע,
נאָר ווו יאַהווע ווּינט איז פרידן און רו.
און צו דוד זיין דינער אַזוי זאָגט דער האַר:
אַ זון וועט נאָך דיר אין פרידן קומען
און ער וועט אַ ווּינונג בויען פאַר מיר.

דוד

האָסטו געהערט די רייד, מיין זון אבשלום?
נישט די פיס פון קנעכט אין בלוט און קויט
דאַרפן באַטרעטן די שוועל פון מיין הויז —
אַזוי זאָגט דער האַר.
שטאַרק זאָלן זיין אין קריג זיינע הענט
און פעסט דער טראָט אין געיעג אויפן פיינט
און קלוג אין באַטרוג דאָס קנעכטישע האַרץ —
נאָר אין ווּינונג פון האַר — ווי וואַגט דער געדונגענער?
און אַז דער עלנדער קנעכט פון האַר פאַרשטויסן,
וויל אין אייגן הויז מיט אַ רויב זיך טרייסטן,
קומט די שטראָף אויף אים, ביזן טויט אַ שטראָף...
דאָס בלוט, פאַרגאָסן אין נאָמען פון האַר,
איז די ליכטיקע קרוין אויפן קאָפּ פון געזאַלבטן.
דאָס בלוט, פאַרגאָסן פאַר אייגענער פרייד,
איז דער קין-צייכן אויפן שטערן פון קנעכט.
די מאָרדן, וואָס פירן צום שטול פון קיניג,
זענען קרבנות אויפן מזבח פון האַר.
דער מאָרד, וואָס פירט צום געלעגער פון קיניג,
איז די טויטע שטריק אויפן האַלז פון קנעכט!

האַרן און כּוהנים

— ער לעסטערט!
— געגנוג שוין יאַהוועס צאָרן צוליב דיר!
— נאָך משפּט זענען מיר געקומען
און נישט צו הערן לעסטערן גאָטס נאָמען.

נתן

ביטער איז דאָס בלוט פאַר יאַהוועס נאָמען.
און ווי ביטער וואַסער וואַשט עס דאָס האַרץ.
אָבער דאָס בלוט פאַר אייגענער פרייד איז זיס
און קלעפּט זיך ווי האָניק מיט זינד צום לייב.
האָט דער האַר דיר אין חסד אַ שטראָף געשיקט
און די זיסקייט פון זינד דיר צו גאַל געמאַכט.
זאָל די ביטערניש, וואָס לייטערט דיין זעל,
נישט קומען ווי זינד פון דיינע ליפּן
צום אויער פון אומגערעכטן.

דוד

אין דער לעצטער שעה איידער איך גיי אַוועק
וועל איך שוין גערעכט נישט ווערן אין זייערע אויגן.

אין פאָלק רעכטס

(צעטומלונג)

צוועק וווהין?

דוד

אָפּגעדינט האָט דער קנעכט און גייט צוריק אַהין,
פונוואַנען מען האָט אים אויף דינסט געקויפט.
צו ישיס פעלדער גייט דוד צוריק.

אין פאָלק

(גרויסע צעטומלונג)

— ער גייט אַוועק!
— ער גייט אַוועק!

(די ווערטער מיט פֿאַרשידענעם אויסדרוק הערן זיך סיי רעכטס, סיי לינקס.)

דוד

(קוקט אַרום אויפֿן טומל)

און גאָרנישט פֿאַרלאַנגט דער, וואָס גייט אַוועק — —
(שטילער, ווי אויסנוצנדיק דעם עפֿעקט פֿון די רייד)
נאָר די שטראָף אַליין, וואָס לײַטערט אים,
זאָל מען גיין מיט אים צו זײַן פֿאַסטעכשער היים.

האָרן

— ער מיינט עפּעס.
— ווי צילט ער מיט די רייד?

נתן

(צעטומלט)

וואָס מיינסטו מיט די רייד דײַנע, קיניג?

דוד

זאָל ענטפֿערן די,
וואָס זי איז מײַן זינד און זי איז מײַן שטראָף.
ווער בין איך פֿאַר דיר, בת־שבע?
און אין דײַן האַרץ — וואָס טראָגסטו אויף מיר?

בת־שבע

הייס מיר נישט ענטפֿערן, קיניג!

דוד

זאָג — און אַלע זאָלן הערן.

בת־שבע

(תאַרגט זיך מיט די רייד)

קיניג מײַנער ביסטו,
טויט אויף מײַנע שוועלן ביסטו.

וואָס איך טראָג אין האַרץ אויף דיר —
כ'האָב דערפאַר קיין נאָמען נישט.

דוד

טויטער האַס איז דער נאָמען, בת-שבע!
(צום פאָלק)
און דער טויטער האַס, וואָס קוקט פון אירע אויגן,
איז מיין איינציקער ווונש אויפן וועג צוריק.

אחיתופל

געננג דיין שאַנד און בלוט אויף איר —
זי וועט מיט דיר נישט גיין.

האַרן

— זאָל ער זי נעמען, אחיתופל!
— זי וועט צוריקקומען.

אחיתופל

ס'איז מיין, נישט אייער בלוט.
זי וועט נישט גיין.

האַרן

— מיר וועלן דיך נישט הערן, אחיתופל!
— דו האָסט געקענט אַ קיניג מקריב זיין,
קענסטו אַן אייניקל געוויס.
— קיין ערגערס ווי ער האָט געטון צו איר
וועט ער איר מער נישט טון.

פאָלק לינקס

— עס ווילט זיך אים נישט מיטגעבן דאָס אייניקל!
— מען דאַרף אָפּראַמען, דעם פוקס,
און די נקבה מיטשיקן.

מיכל

(גייט צו בת-שבען, נאָענט צו איר)

אַז ווײ אונז, שוועסטער!
ווי רינדער אויפֿן מאַרק,
ווי פֿי צום באַלעבאָס פֿאַרקויפֿט מען אונז
מיט אונזער ווײ און אומגליק!

מעכה

(לעבן אבשלומען שטייענדיק).

ווי קען מען אַזאַ צאַרטע פֿרוי
אים מיטשיקן אין ווילדערניש?

האַרן

א״ר. אַלטע קיניגינס, מעגט שווייגן!
אייך וויל ער סײ־ווי־סײ נישט.

שבע בן בכרי

(פֿון גאַנצן געטומל צעלאַכט זיך ווילד)

איז דאָס גאָר דער משפּט?
עס גליקט נישט דעם קיניג מיט ווייב אין דער נאַכט —
איז קומט ער צום פֿאָלק עס מאָנען!
הע! לאָזט מיר גאָר אָנזען דאָס העלדיש ווייב,
וואָס ציט עס די אָדערן דודס!
(שפּאַרט זיך נענטער צו דער טעראַסע, באַטראַכט בת־שבע)
עס לוינט זיך, דוד!
פֿון וועגן אַזוינס ביי דער זייט
וואָלט איך דיר אַליין אַ מלוכה פֿאַרלאָזט!
איצט ווייס איך, וואָס ציט דיך צו סטאַדעס בית־לחמער,
צו יינגלישער אומשולד!
דו האָסט אים געפּאַקט, אחיתופֿל!
דו האַלטסט אים! הע־הע!

דוד

(גיט אים אַ נעם ביים גאָרגל, טרייסלט אים)

הונט פֿאַרוואָגלטער! שטשירע די ציין!

שבע

(רייסט זיך ארויס)

וואָס טרייסלסטו, ווייבערשער העלד?
ווילסט זיך פאַרמעסטן מיט מיר — טאָ קום!

דוד

(כאַפּט ארויס דעם שווערד ביי בניהו, הויבט אים איבער שבען)

צו דער ערד פאַל אַנידער.

שבע

(אין שרעק, טוט עס)

דוד

ערשט קריך אַוועק, איך זאָל דיך נישט הערן מער!

שבע

(שפּאַרט זיך אויף צוריק, הויבט זיך אויף, שרייט)

וועסט מיך נאָך הערן, דוד! —

(פאַרשווינדט)

דוד

(שטייט מיטן שווערד נאָך אויפגעהויבן, אָנווארפנדיק אַ שרעק מיט די שאַרפע טרויעריקע אויגן, וואָס קוקן אַריבער די קעפּ. ער אָטעמט שווער, צאָרנדיק, נאָכדעם לאָזט ער אַראָפּ דעם שווערד, שפּאַרט זיך אָן אויף אים. וואַרפט דעם בליק אין דער מיט פון פאָלק. דאַכט זיך — ער זעט נישט קיינעם. רעדט מער מיט ווייטיק ווי מיט צאָרן)

אויערן, וואָס גאַרן דעם שפּיץ פון אָל!
רוקנס, וואָס בענקען נאָך דער רוט פון שלעגער!
אייך האָב איך געוואָלט זיך אין פרייהייט פאַרברידערן
און גבורה פאַר זיך פון אייער פרייהייט שעפּן...
איצט שלאָגט מיך אייער אָנמאַכט ווי קרעץ אויפן לייב,
און מיין אייגן לעבן איז גאַל אין מיין מויל...

(אָטעמט אָפּ, קוקט אַריבער)

ווי הונגעריקע הינט האָט איר זיך אַרומגעריסן,
און ווי שאָף צעשראָקענע פֿאַרן שונא געלאָפֿן.
האָב איך אייערע הענט מיט וואָפֿן געשטאַרקט,
און ערשט ציטערן לענדער אין שרעק פֿאַר אייך.
אויף אייערע פֿעלדער האָט איר ווי קנעכט געדינט
און מיט פּעטש פֿון סטאַדעס די האָרן געשטאָפּט.
האָב איך אַ שוץ פֿאַרשפּרייט איבער אייער האָב,
אַז צום אייגענעם שייער זאָל גיין אייער מי.
ביים טויער פֿון זקנים האָט איר יושר געזוכט,
און צו שפּאָט האָבן זקנים אייער משפּט געמאַכט.
בין איך אַליין איבער ביידן אַ שופֿט געוואָרן,
און גלייך מיט אייך זיי צום טויער געשטעלט.
ווי אַ געפֿלאָגטער ברודער בין איך געקומען
פֿון הינטער דער סטאַדע, פֿון פֿעלד אַוועק.
מיט אייך, מיט ברידער, בייגאַנד זיך באַפֿרייען,
מיט אייך, מיט ברידער, אַ קיניגרייך בויען,
וווּ נישט האַר זאָל הערשן און קיניג באַפֿעלן,
נאָר אין ברכה פֿון הימל און טוי פֿון דער ערד
זאָל הערשן בלויז דער, וואָס איז איבער אונז.
ברידער אין פֿריזן און רו פֿון דער ערד,
דינער צו דעם, וואָס איבער אונז — —

(לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ)

בלוט אויף מיינע הענט, אויף מיינע וועגן — בלוט...

(קוקט זיך אויף די הענט, דערזעט דעם שווערד, קלאַמערט אים פֿעסטער אין האַנט)

דורך בלוט און געראַנגל איז יאַהווע...
און ווילסטו דערלייזן, און ווילסטו באַפֿרייען
אין בלוט מוזטו גיין, מוזט גיין...
איז ווער פֿאַר אייך אין דעם בלוט געגאַנגען?
און דורך קללות און האַס ווער האָט געשפּאַנט?
און קעגן אייער צאָרן און גאַל — ווער שטייט אַצינד?
און אַז איר האָט מיר די זין אויף די פֿעלדער געשיקט —

פאַר וועמענס פרייהייט האָט איר זיי געשיקט?
און איבער זייערע טויטע קעפּ אין דער נאַכט — ווער האָט געוויינט?

איר האָט זיך נעכט מיט ווייבער געוואַרעמט,
און טעג מיט פרייד פון קינדער באַלויכטן.
און געוואַרט איך זאָל ברענגען אייך זיג און רו.
און מיר האָט דער טויט די נעכט באַוואַכט,
און מיין אייגן לייב איז מיר פרעמד געוואָרן
און אַז איך האָב אייך רו צו די שוועלן געלייגט
און די טאָוולען פון יאַהווע אַהערגעבראַכט,
אַז הערשן זאָל הימל פון דודס פעסטונג —
האָט אַ קיניגס טאָכטער מיך אויסגעלאַכט,
וואָס איך טאַנץ אויף די גאַסן מיט דינסטן און קנעכט,
און אין אייגענעם הויז האָב איך פיינט געפונען...
(בלייבט שטיל א וויל, ווי זיך דערמאָנענדיק)
וואָל. פאַר די דינער, שפּייז פאַרן חיל,
הענט פאַר אַרבעט, זין אין מלחמה...
צופיל האָט איר געגעבן, צו טייער געצאָלט,
און דער קלענסטער פרייז וועט נישט קליין זיין פאַר אייך.
ווייל דער טעם פון פרייהייט איז פרעמד אייער גומען,
און אייערע לעפלעך בענקען צו דער אָל פון קנעכטשאַפט.
גייט צוריק צו די האַרן! נעמט אייך אַ קיניג,
וואָס זאָל זיין קרוין נישט שענדן אין טאַנץ מיט אייך,
און מיך לאָזט צוריקגיין פונוואַנען איך קום.

(עס ווערט א גערודער, און די רעכטע זייט ווארפט זיך מיט געשרייען צו דודן און אויף די געגנער לינקס. יענע זענען אויך אליין צעטומלט. האלטן זיך צוריק אין שרעק און שטופן מיט דער איבעריקער מאסע צו דער טעראסע)

אין פאָלק

— פאַרלאָז אונז נישט, דוד!
— נישט הער זיך צו צו זיי.

— די מולך-דינער, די פֿאַרדאַרבער!
— מיר זענען דײַנע אַלע!
— פֿאַרלאָז אונז נישט!
(עס רײַסט זיך דורך ווײַבערשער געוויין, די מאַסע האָט אָפּגע-
שטויסן די האַרן און כּוהנים און דורך דער וואַך זיך צוגע-
שפּאַרט האַרט צו צו דודן)
— די האַרן האָבן אָנגערעדט!
— זיי ווילן אונז צוריק פֿאַרשקלאַפֿן.
— די כּוהנים — נײַע במות ווילן זיי.
— הייס אחיתופֿלן פֿאַרטרײַבן!
— גיב איבער אחיתופֿלן צו אונז.
— מיט שטיינער אים!

זמרי

(האָט זיך דורכגעריסן דורך אַלעמען. מיט געהויבענע הענט)

שטילער זאָל זײַן!
לאָזט מיך — איך וועל שוין רעדן,
איך וועל שוין זאָגן אַלץ.
(ס'ווערט שטיל, ער רעדט צו דודן)
איך האָב געקענט דײַן טאַטן, דוד,
דײַן טאַטן און ברידער און דיך געקענט,
אַ ייִנגל אַ קליינעם... זמרי בין איך,
פֿרעג אליהבן — זמרי בין איך.
זאָג איך דיר, דוד:
דײַן האַרץ איז פֿאַרביטערט.
ביסט נישט גערעכט צום פֿאָלק,
ביסט נישט גערעכט!
דו ביסט דער שווערד און דו ביסט דער שיצער,
שטאַרקע זײַל פֿון אונזער הויז,
רום צו דיר און לויב צו דיר,
און אַלע פֿאַלן מיר נידער פֿאַר דיר — —
(ער טוט עס, הינטער אים — דאָס פֿאָלק)

נאָר מיד איז דאָס פאָלק,
מיד פון מלחמות, פון צינשן, פון אַרבעט,
און פרידן דורשט עס,
הערט זיך עס צו צו שלעכטע לייט.
און דו ביסט פאַרביטערט!
מען טאָר נישט אַזוי צו אַ פאָלק!
דער טאַטע ישי וואָלט אויך דיר געזאָגט.
פרידן גיב זיי און לעבט אין פרידן!

אין פאָלק

(קולות מיט געבעט, וויינענדיקע)

— די קינדער בענקען נאָך די טאַטעס.
— וואָס דאַרפסטו פעסטונגען אַזוי פיל?
— די האַרן מאַטערן.
— און צו דיר קען מען נישט צוקומען.
— אַז מיר בענקען גאָר דיין פנים זען.
— די פרייד מיט דיר!

זמרי

שטילער זאָל זיין — ער ווייסט אַליין.
(צו בת־שבען)
און דו, קיניגין יונגע —
מיר פאַלן אויך פאַר דיר צו דר'ערד:
ליב האָבן דאַרפסטו אים.
ער האָט געזינדיקט און איז באַשטראָפט,
אָבער צו דיר איז ער פול מיט ליבשאַפט,
טאָרסטו מיט ווייבערשן האַס
אים פון אַ פאָלק נישט אַוועקנעמען.
ליב האָבן דאַרפסטו אים!

בת־שבע

(פאַלט אויפן פנים פאַר דודן)
קיניג און האַר מיינער!

וואָס איז מיין זינד געווען אַזוי גרויס,
איך זאָל אַ שטרויכלונג ווערן פאַר דיר,
אומגליק פאַרן מאַן מיינעם,
אומגליק פאַר פאָלק מיינעם,
אומגליק פאַר קיניג מיינעם!

מיכל
(בויגט זיך איבער איר)

פאַרמשפּט זענען מיר,
פון אונזער לייב פאַרמשפּט, שוועסטער,
אין ראַנגל פון די מאַכטן מאַנישע
צעטראָטן ווערן. גיב זיך אָפּ
דעם גורל אונזערן — שטיי אויף!

בת־שבע
(הויבט דעם קאָפּ, בלייבט שטיין אויף די קני)

האַר פון מיין קיניג, דערלייז מיך!
שלאָג מיך, באַשלאָג מיר מיט ווונדן דאָס לייב,
טונק מיר דאָס פּנים אין בלאָטערן איין,
טו פון מיר אָפּ די שיינקייט, מיין שטראָף —
האַר פון מיין קעניג, דערלייז מיך!

דוד
שטיי אויף, בת-שבע, און רוף נישט קיין שלעכטס.
דער האַס אין דיין האַרץ איז דאָך די לייטערונג מיינע.

(צום פאָלק)

פאַרוואָס קומט איר מיך ווידער מיט דער קללה שלאָגן,
און מאָנען דאָס, אויף וואָס איך בין נישט געשיקט?
נישט פאַר אייך, נישט פאַר מיר איז פרידן מיט מיר
און אָן מיר איז פרידן פאַר אייך און פאַר מיר.
בעט נתן דעם נביא — זאָל ער אייך באַפרייען,
און מיר וועלן אַלע צו אונזער פרידן גיין.

נתן

דעם לאָגל מיט אויל האָט דער האַר געגעבן
אין די הענט פון זיינע נביאים
זיין אויסדערוויילטן צו זאַלבן.
נאָר ווו עס שלאָגן די קוואַלן וואַסער,
וואָס קענען די זאַלבונג אונטערשווענקען,
האָט דער האַר אונז נישט אַנטפלעקט.

דוד

קען מען די זאַלבונג נאָר מיט בלוט אַראָפּוואַשן?
גאָט, דערבאַרעם זיך אויף מיר!
ערשט איצט האָב איך דאָס גאַרן צו רו דערקענט
און איך קען נישט די רו מיט מיין לעבן קויפן.
דערבאַרעם זיך אויף מיר!
אַ קללה בין איך פאַר זיך און דיין פאָלק.
און קיין פרידן פאַר זיי האָסטו מיר נישט געגעבן.
שוואַך איז זייער אָרעם דיין שווערד צו טראָגן,
און אויף די הויכן פון דיין פרייהייט שטרויכלען זייערע פיס.
אַ פירער שיק, וואָס זאָל זיי ווי קינדער פירן,
און די רוט פון פאָטער זאָל נישט זיין שווער איבער זיי,
און מיר גיב די רו אונטער מיין אָרעמען דאַך,
די רו אונטער מיין אָרעמען דאַך...

(פון הינטערן פאָלק דערהערט זיך אַ געטומל און געשריי)

לויפער

לאָזט מיך דורך! צום קיניג דאַרף איך.
לאָזט מיך דורך!
(שפּאַרט זיך דורך צווישן צעטומלטן פאָלק. פאַלט אויפן פּנים פאַר דודן)

דוד

(אַ צעשראָקענער)
שטיי אויף! מיט וואָס קומסטו?

לויפער

(שטייט אויף)

פון מיין שר, פון יואבן,
מיט אַ וואָרט צום קיניג לויף איך.

דוד

(נאָך מער פארלאָרן)

וואָס וויל ער ווידער — יואב?

לויפער

ס׳שיקט מיין שר דעם קיניג זאָגן:
מואב האָט זיך אויפגעהויבן,
האָט געשטאַרקט די האַנט פון עמון
און אין נאַקן אונז געשלאָגן
ביזן לאַנד פון שבט גד.
ס׳בעט מיין שר פון האַר דעם קעניג:
מיטן רעשט פון חיל קומען,
ווייל דער שונא איז ביים גרענעץ
און די שטעט און דערפער לויפן
שוין אין שרעק פון שונאס שווערד.

אין פאָלק

— מואב דער געשלאָגענער!
— בית נמרה איז ביים גרענעץ,
— מיר האָבן ווייב און קינד געלאָזט.

נתן

אַ צייכן פון יאַהוועַ! אַ צייכן פון האַר!
אָנגעצונדן האָט דער האַר דעם פייער פון שרעק,
אַז ווידער זאָל דאָס פאָלק זיין פירער דערקענען.
און צו דיר, געזאַלבטער, איז אַ פינגער געשטרעקט,
נאָך איז נישט פאַרענדיקט די מי פון דיין טאָג.
גורט זיך אָן מיט שטאַרקייט און גיי צו דיין רוף,

און דיין צער און ווײ וועט אין דיין שליחות פֿאַרגיין.

אליהב

(שפּרינגט אויף, צו דודן)

גיי נישט, ברודער!
ס'איז דאָס בלוט, וואָס זוכט נקמה —
גיי נישט! שוין גענוג אויף דיר!
וועסט דעם שונא נעמען יאָגן,
צען פֿאַר איינעם וועסטו שלאָגן,
האָס אויף דורות, דורות פֿלאַנצן,
און ס'וועט אויפֿגיין מיטן שווערד און פֿייער
אויפֿן צענטן דור פֿון דיר.
גיי נישט, ברודער!

נתן

(דערשטוינט)

וואָס פֿאַר אַ רייד רעדסטו, בן ישי?

אליהב

(הערט אים נישט)

זאָל דער שונא קומען, זאָל ער!
ווער עס וויל זיין פֿרייהייט שיצן —
זאָל ער גיין.
שוין גענוג דאָס בלוט פֿון אַלעמען
אויף דיר. אויף איינעם!
גיי נישט!

דוד

(לייגט אים די האַנט אויפֿן אַקסל, שטיל, באַרויקנדיק)

איך וועל נישט גיין, ברודער. איך וועל נישט גיין.

נתן

(אין גרויס דערשטוינונג)

קיניג!

לויפער

ס'לויפט דאָס פאָלק פון שטעט און דערפער,
און דער שונא שלאָגט אין נאַקן — —

אין פאָלק

— ווער וועט גיין פאַר אונז?
— ווער וועט באַשיצן אונז?
— נעם אונז, דוד, פיר אונז!

דוד

(פעסטער, הארטער)

דוד וועט מער אין מלחמה נישט גיין.

אליהב

(נעמט אַים ארום)

ברודער מיינער, דוד!
קום מיט מיר!
איך וועל דאָרט אַ הויז דיר בויען,
דיר אַ הויז מיט פענצטער בויען —
מיט אַ סוכה אויפן דאַך וועל איך עס בויען —
דודן אַ הויז ביים טאַטן...

דוד

(פאלט אים אויפן האלז, די מעכטיקע אקסל ציטערן)

אליהב

(וויינט אויפן קול)

ס'וועט אונז גוט זיין ביידן, גוט...
(גלעט אים מיט ציטערדיקע הענט)
דוד, פאַסטעך קליינער!
ישיס פאַסטעך שיינער!

דוד

(רייסט אַפּ פון אים, דאָס פנים זעט מען נישט, נאָר אין דער

פלייצע פילט זיך דער ריס, וואָס טרייבט אים אין דער טיר פון הויז אריין)

אליהב

(שטייט א צעשטראַלטער אין טרערן)

זמרי

(צעשפרייט די הענט)

וואָס וועט ערשט זיין מיט אונז?

וואָס וועט ערשט זיין?

(רופט, האלב אין רוף, האלב אין קלאָג)

דוד! דוד!

פאָלק

(ענטפערט אָפּ זיין געשריי. שוין מיט א קלאָרן רוף)

דוד! דוד!

פינפט בילד

(בת־שבעס שטוב. דאָס לעצטע רויט פון זון־פאַרגאַנג פאַלט
דורכן פענצטער אויף די ווענט און דיל.
בת־שבע אויף אַ בענקל נישט ווייט פון געלעגער. לעבן איר
זיצט מיכל. נאָענט פון זיי שטייט אחיתופל. פון דער
ווייט אין אַ ווינקל — תרצה.
פון דרויסן דערטראָגט זיך אין שטוב אַריין אַ גערויש פון
אַ מחנה קולות און וויגט זיך כּוואַליעדיק — שטילער און
שטורמישער.)

אחיתופל

דו הערסט דאָס רוישן פונעם פאָלק?
עס שלאָגט דער שונא בײַ די גרענעצן,
און ווער ס'וועט ברענגען זיג, וועט בלײַבן פירער.
בײַ דיר אין האַנט איז דער באַשייד.
און קענען זיך אַליין
בײַ דיר בין איך געקומען בעטן:
נעם אָן דײַן גורל און באַגלייט אים!
זאָל מיט אבשלומען בן בכרי גיין אין קריג,
און ווען ער וועט דעם זיג אַוועקנעמען פון יואבן,
וועט זיך אין פרידן אומקערן אבשלום
און פון געפאַנגענשאַפט צוריק דיך ברענגען.
דער גורל אונזערער — אין דײַנע הענט.

מיכל

דו טאָרסט נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, שוועסטער!
פאַרגיב מיר, אחיתופל!

ערשט נעכטן האָב איך אין איר האַס
געזען מיין אייגענע נקמה.
און היינט, נאָך מער געשלאָגן, בעט איך:
מען דאַרף נישט קיין נקמה!

אחיתופל

וואָס רעדסטו, שאולס טאָכטער?

מיכל

אַזוי־אָ רעד איך — איך...
מעג זיין — ער שפּילט! ווי לויפנדיק פון פּאָטערס צאָרן
האָט ער פאַר אכישן דעם פלשתי אַ משוגענעם געשפּילט,
אַזוי פון יאָהוועס צאָרן לויפנדיק אַצינד
פאַר גאָט און פאָלק דעם פאַסטעך שפּילט ער.
מעג זיין — ס׳איז פאַלש! נאָר זאָל איך וויסן,
אַז אויב איך וועל זיך אויסשטרעקן פאַר אים,
וועט ער זיך אויפהויבן
און מיט די רייד, ווי היינט, איבער די קעפּ פון פאָלק
זיי פירן צו נצחון — וואָלט איך ווי דער שטויב
פאַר זיינע פיס געפאַלן.
ווייל איך בין שטויב אָלץ איינס.
און ער, אַ זינדיקער, פאַרשאָלטענער,
אין אייגן בלוט פאַרטרונקענער —
איז איינער איבער אַלע, איינער.
דו הערסט מיך, שוועסטער?

בת־שבע

וואָלט נאָר דער האַס אין מיר
גאַנץ אַזוי זיין ווי די ליבשאַפט אין דיר!

מיכל

מער האָב איך גאָרנישט, שוועסטער!
מיין איינציקער פאַרמעג — צו אים די ליבשאַפט.

און אָט־אָ נעם איך עס און שענק עס דיר אַוועק
און זאָג:
ביי מיר אין האַרצן איז עס גאָרנישט מער,
ביי דיר אָבער איז עס צוריק זיין יוגנט,
זיין אויפּריכטונג און גבורה. נעם עס דו
און זיי מיט אים.

אחיתופל

ווער האָט דיינע זין געשלאָגן, שאולס טאָכטער?
ווער האָט פאַרשלאָסן אין דיין אויער דאָס געשריי
פון פאָטערס בלוט, פון דיינע ברידערס בלוט?

מיכל

(שפּרינגט אויף אים אנטקעגן)

דאָס בלוט פון מיינע ברידער —
בישט דו דערמאָן מיר, אחיתופל!
(צו בת־שבען, זי אַרומנעמענדיק)
צו דיר — דער איבערבלייב פון שאולס הויז,
צו דיר — דאָס פאָלק, וואָס רופט זיין שיצער,
צו דיר — דיין אייגן האַרץ, וואָס שרייט
פאַרשטיקטערהייט נאָך הילכיקער ווי זיי אין דרויסן —
צו דיר, ביי דיר מיר אַלע בעטן:
קער אום דעם פאָלק זיין פירער!

בת־שבע

(זייער שטיל)

דאָ וועל איך בלייבן, קיניגין.
(פרייער)
דאָ מיט אים וועל איך בלייבן.

אחיתופל

בת־שבע, קינד!
בישט דיינע ליפּן רעדן עס!

בת־שבע

איך בין עס, זיידע.
אויב זיך פאַרקויפן צו אים, ווי דו הייסט מיר,
דאָ מיט אים וועל איך בלייבן.

אחיתופל

מיט שאַנד באַדעקן מיינע ווייסע האָר,
און ווי אַ קרבן גיין אַליין אונטער דער קללה,
וואָס הענגט איבער בן־ישיס הויז —
בת־שבע, קינד מיינס — דו?!

בת־שבע

דאָ איז מיין גורל, זיידע!
שעלט מיך, פאַרשעלט מיך!
דאָ מיט מיין קיניג און מאַן וועל איך בלייבן,

אחיתופל

נישט שעלטן זאָלן מיינע ליפּן!

(גייט האַסטיק אַרויס)

מיכל

(פאַלט צו צו בת־שבען)

פון טעכטער פון ישראל זיי געבענטשט!

בת־שבע

קיניגין, שוועסטער, לאָז מיך אַצינד —
טון דיין ווילן און מיינעם.

מיכל

דער גאָט פון דבורה און פון מרים
זאָל זיין מיט דיר!

(גייט אַרויס.
עס ווערט אַלץ טונקעלער)

תרצה

(לויפט צו בת-שבען, פאַלט פאַר איר, נעמט איר אַרום די פיס, וויינענדיק)

קיניגין! קיניגין!
נעם אויך די ברכה פון מיר, דיין דינסט.
נעם אויך פון מיר די ברכה!

בת־שבע

(הייבט זיך אויף, קושט זי)

צינד אָן דאָס ליכט, דאָ, תרצה
דערנאָך ווּעסטו גיין
און בעטן דעם קיניג אַהער.

תרצה

(גייט אַרויס, קומט צוריק מיט אַ ברענענדיקע קנויט, צינדט אָן דעם לאָמפּ איבערן טיר און אַ צווייטן אין ווינקל רעכטס. דאָס צימער ווערט האַלב באַלויכטן. דער ווינקל מיטן געלעגער — איינגעהילט אין טונקל.

מיט פאַרטרערטע בענטשנדיקע אויגן קושט זי די האַנט בת-שבען און גייט אַרויס.

פון דרויסן הערט זיך קלאָר דער ווייטער געשריי:

— קיניג!

— דוד!)

בת־שבע

(לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד מיטן פּנים צום צוקאָפּנס פון געלעגער, פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט, רעדט אין האַלבן געזאַנג)

גיי אין דיין רו, שייד זיך אָפּ, אוריה!
ביסט נישט קיין מאַן מער צו מיר,
ער איז דער רויבער און ער איז דער מאַן,
ער איז דער מערדער און ער דער באַווײנער,
אָרימע תפילה און מעסער פון הינטן,

מעכטיקער הערשער און עלנדער קנעכט,
גאָטס געזאַלבטער און קרבן פאַר גאָט —
ער איז מיין שווערד און ער איז מיין וויין —
זיין בין איך, זיינע!
זוך דיר דיין רו אין דער פרעמדער ערד.
ביסט נישט קיין מאַן מער צו מיר —
גיי, שייד זיך אָפּ פון מיר!
(הויבט זיך אויף און שטייט מיטן פנים צו דער טיר ווארטנדיק)

דוד

(קומט אריין, בלייבט שטיין אויפן שוועל)

הינטער מיין טיר בין איך פאַרשלאָסן געווען.
צו וואָס מיך גערופן פון מיין עלנד, בת-שבע?

בת־שבע

ס'האָט מיר אַ דרימל די אויגן פאַרמאַכט,
איז אוריה דיין קנעכט געקומען צו מיר.

דוד

(דערשראָקן)

וואָס איז ווידער געקומען אוריה?

בת־שבע

דיר אין דיין עלנד זיין בלוט פאַרגעבן.
מיך דיר צו שענקען. אַליין מיך צו שיקן,
איך זאָל אַ שטיצע דיר זיין אין דיין עלנד —
איז געקומען דיין קנעכט אוריה.

דוד

(קוקט אויף איר אַ צעמישטער)

אין מיין אויער האָבן ווערטער אָנגעשלאָגן.
וואָס האָב איך פון דיר געהערט, בת-שבע?

בת־שבע
מיך דיר צו געבן אין טרייסטאַפט און דינסט —
איז געקומען דיין קנעכט אוריה.

דוד
(פון א ציטער ארומגעכאפט)
און דו? — — —

בת־שבע
איך האָב פון דרימל אויפגעוואַכט
און אַ בענקשאַפט דערפילט צו דיר, קיניג!

דוד
זאָג עס נאָכאַמאָל, בת-שבע!

בת־שבע
איך האָב אַ בענקשאַפט דערפילט צו דיר
און געשיקט דיך בעטן, קיניג!

דוד
(פארשטעלט דאָס פנים מיט די הענט)
ווי לאַנג ווע סטו מיך שטראָפן מיט דיין ריינקייט, אוריה,
און מיט די ריטער פון דיין טרייסטאַפט מיך שלאָגן?
(הויבט אויף דעם קאָפ מיט האלב-פארמאכטע אויגן)
האָסטו דאָך מיך נישט אויף אייביק פארשאָלטן
און דו ווילסט מיך לייטזעליקן מיט דיין שטראָף.
וועט זיין דיין שטראָף אַ היילונג צו מיר,
און מיינע וווּנדן — דיין חסד אויף מיין זינדיק לייב.
מיט די האַרטע פינגער וויל איך דיין גרויסקייט זינגען
און מיט די געבראָכענע פיס — אַ לויב דיר טאַנצן!
(הויבט אויף די הענט און גייט ווי אין א טאנץ-באוועגונג. נעמט
אָן בת-שבעס האנט.
זי גייט נאָך זיינע טריט. ער פירט זי ביזן מיטן שטוב, זעצט
זי אוועק אויף א בענקעלע, קוקט זי אָן באגייסטערט, קלאפט
אין די הענט)

תרצה, תרצה, מיין טאָכטער!

תרצה

(לויפט אריין)

דוד

גיי, טאָכטער, און ברענג די האַרפּע מיר!

תרצה

(ארויס)

דוד

(וויל ווידער גיין צו בת-שבען, דערהערט א קלאַפּ אין טיר. גייט, עפנט)

דו, בניהו?
ווער האָט דיך געהייסן מיך יאָגן אַהער!

בניהו

(זיין קול קומט פון דער אָפענער טיר)

עס לויפט דאָס פאָלק אין שרעק
פון אַלע גרענעץ-שטעט.

דוד

איז וואָס ביסטו געקומען אַהער צו מיר?

בניהו

צו דיר נאָך הילף געקומען,
צו דיר זיי שרייען, קיניג!
באַווייז דיך, קום אַרויס צו זיי!

דוד

איך בין נישט מער קיין פירער צו זיי.
שטער נישט מיין רו, בניהו!

תרצה
(דערלאַנגט אים די האַרפע דורך דער אָפענער טיר)

דוד
אַ דאַנק דיר, טאָכטער!
(ער פאַרמאַכט די טיר, גייט צו בת-שבען. זעצט זיך אויף אַ בענקל לעבן איר)
דאָס וועט זיין דאָס ליד פון אונזער מאָרגן, בת-שבע!
זיץ שטיל און הער!
(שפּילט)

איבער די בערג און איבער די טאָלן
אַרום דעם היימישן דאָרף בית-לחם
גייט מיט די סטאַדעס דער פאַסטעך דוד.
זיין שטול איז אַ שטיין אויפן רוקן פון באַרג,
זיין שווערד אין האַנט איז אַ פאַסטעך-שטעקן
און זיין חיל — די סטאַדע שאָף.

ער האָט געגאַרט די זון פון פינצטערע היילן,
האָט זי געבריט זיין קאָפּ אויף טויטן-פעלדער
און אים אונטערגעגאַנגען פון אַ קיניגס דאַך.
היינט גייט זי אים אויף איבער פרידלעכע טאָלן
און שפּרייט זיך אויס פאַר זיין אָרעם הויז
און באַשיינט זיינע גראָע לאָקן.

(פון דרויסן הערן זיך תּייטע געשרייען:
— דוד, באַשיץ אונז!
— דוד, מיר רופן צו דיר!
— דוד! דוד!)

בת־שבע
הערסטו נישט, קיניג, ווי ס'רופט דיך דאָס פאָלק?

דוד
מאָרגן וועסטו עס מער נישט הערן, בת-שבע!

(שפילט ווײַטער)

די זון שפּרייט זיך אויס פאַר דודס שוועל
און קומט צום געלעגער פון בת-שבע זיין ווייב
און וועקט זי פון זיסן שלאָף.
ס׳האָט אַ קיניג אַ בייזער אַמאָל זי גערויבט,
היינט איז זי אַן אָרעמען פאַסטעכס ווייב
און קיניגט אין לײמענעם הויז.

וויש אויס די נאַכט פון דיינע אויגן, בת-שבע!
דיין געליבטער טרעט שוין איבער די בערג
און די זון מיט אים וואַרט אויף דיר.
מיט דער שוואַרצער קרוין אויף דיין שטאָלצן קאָפּ
און די ווייסע לאַמען ביי דיינע פיס —
ווי אין וואָלקן שוועבסטו, בת-שבע!

(פון דרויסן הערט נישט אויף דער געשריי:
— דוד, קום אַרויס צו אונז!
— דוד, באַווייז דיך!
— דוד!)

בת־שבע

קיניג, ווי קענסטו פאַרנעמען
זייער געשריי צו דיר?

דוד

איך בין נישט קיין קיניג מער און קען זיי נישט העלפן,
זיי שטיל, בת-שבע!
וועסט מאָרגן אַהיים גיין מיט דיין פאַסטעך-מאַן
און נישט הערן מער זייער געשריי.

(אין לויף פון הײַטערדיקן געשפּרעך ווערט דער געשריי
אַלץ שוואַכער, צעשוומענער, ביז ער גייט אינגאַנצן אַוועק)

בת־שבע

מיר וועלן ערגעץ נישט גיין, קיניג!

נישט צו אַ פּאַסטעך האָט מיך אוריה געשיקט,
דיך — דעם באַשיצער, דיך — דעם דערלייזער,
דיך צווישן זיי גאָרט מיין בענקשאַפט.

דוד
צו זיין אייגענער דערלייזונג וויל גיין דער דערלייזער,
צו שטילקייט, צו מדבר, צו רו — —

בת־שבע
וועסט נישט אַנטלויפן, קיניג!
ביז אין דער מדבר וועט מיטגיין מיט דיר
זייער געשריי און רוף.

דוד
אין שרעק פאַר זייער לייב רופן זיי צו מיר,
אָבער פון דער שרעק באַפרייט, וועלן זיי ווידער קומען
די פיש פון מצרים מאָנען ביי מיר —
און אַ קללה און יאָך וועל איך זיין איבער זיי.

בת־שבע
וועט דער באַדריקער נישט הערשן מיט געוואַלט?
זאָל דער באַפרייער זיך שרעקן פאַר מאַכט?

דוד
אַז איך בין קיין קיניג נישט און קען עס נישט זיין,
און אבשלומס קאָפּ איז פון געבוירן באַקרוינט
און מיט שיין פון מלכות באַצווינגט ער דאָס פאָלק.

בת־שבע
(זיך האַסטיק אויפגעהויבן)
ס'איז נישט די שיין פון מלכות, קיניג —
פרעמדקייט באַצווינגט אין אים!
דו ביסט אַן אייגענער — פלייש און געביין,
שטראָפסטו און וויינסט אויף אונז.

שלאָגסט אונז בלוטיקסט אַליין,
זינדיקסט און ליגסט אויף דער ערד אין געוויין —
דיין אין דערלייזונג,
דיין אין געבראָכנקייט זענען מיר.
ער אָבער קומט פון דער פרעמד
אונז אָן אַ שלאַכט ווי אַ זיגער באַצווינגען —
זיגער און פיינט פון אים שיינט!

דוד

(קוקט זי אָן שארף, געטראָפן, שטייט אויף, שטאַמלט)

מיין אייגן בלוט און לייב איז אבשלום.

בת־שבע

(שארפער)

לייב דיינס און בלוט איז ער — זאָל ער דיין בלוט!
לויף, קיניג דוד! שוץ און דערלייזער,
לויף קיין בית־לחם אַוועק צו די סטאַדעס!
מאָרגן וועט גיין מיטן חיל בן בכרי,
מאָרגן וועט קומען בן בכרי צוריק,
ברענגען נצחון אבשלומען...
מאָרגן וועט אונטערן צוואַנג פון דיין זון
רופן אין אַנגסטן דאָס פאָלק צו דיר,
דודן רופן צוריק —
וועט דיך דיין זון מיט דער האַנט פון אַ קנעכט
גרייכן אויף צווישן די שאָף!
לויף, קיניג דוד! מאָרגן פון דאָרט
וועט מיך דיין זון פאַר אַ קעפסווייב דאָ ברענגען,
און מעכה וועט זיין ווי אַ מוטער מיר —
אַזוי זאָגט מעכה!...

(פאַלט ביי די לעצטע ווערטער אויפן דיל צונויפגעקנוילט לעבן דודן, גראַבט איין דעם קאָפּ אין דיל, וויינט)

דוד

(שטייט איבער איר אַ שוועראָטעמדיקער, קוקט אַרונטער, צאַמט זיין אויפרעגונג, רעדט מער צו זיך)

איז נישטאָ קיין אומקער פאַר מיר, נישטאָ קיין דערלייזונג!
דערויף האָט דיך געשיקט אוריה, דערויף דיך באַקערט...

בת־שבע

(ליגט אַלץ וויינענדיק)

דוד

(זעצט זיך אַרונטער לעבן איר, פאַרגראָבט דעם קאָפּ אין די הענט, שאָקלט זיך, רעדט ביטער)

אַ פאָלק באַצווינגען ווען עס וויל נישט דיין צוואַנג...
אַ הערשער זיין ווען דו ווילסט נישט הערשן.
פיינט זיך מערן פון די, וואָס דו האָסט ליב,
און וויסן, אַז דיין הערשאַפט איבער זיי
און דער שרעק פון זיי און דער האַס צו דיר —
אַלץ איז קנעכטישע בלוטיקע זינד...
און יעדע שעה ביזן לעצטן אָטעם
וואַרטן אויף דער קללה און גאַרן רו, רו, רו — —
אַזוי איז מיר אויף מיינע פאַרבליבענע טעג!
וויי אויף דעם בלוט, וואָס קומט מיר אַנטקעגן!

(זיינע רייד און איר געוויין מישן זיך, מיטאַמאָל גיט זי אַ הויב דעם קאָפּ)

בת־שבע

(נאָך אַלץ וויינענדיק, אָבער אין צאָרן)

ניין, ס'איז נישט אמת!

דוד

(עפנט די אויגן אַ צעמישטער)

וואָס איז נישט אמת?

בת־שבע

(ביטער, שאַרף, שרייט אין אים)

ווילסט נישט אַוועקגיין!

ווילסט נישט, דו ווילסט נישט, דו ווילסט נישט אַוועקגיין!

דוד

(פרווט אויסהאַלטן איר בליק, פאַרלירט זיך, מיט אַראָפּגע־
לאָזטע אויגן, שטיל)

וואָס דען וויל איך?

בת־שבע

ווילסט פון דיין גורל אַנטלויפן,
קענסטו נישט, ווערסטו נישט!
טאָרסט נישט אַנטלויפן!

(ציט זיך נענטער צו אים, אין קול — דער אָפּקלאַנג פון די טרערן)

ס'איז נישט קיין קללה, וואָס הענגט איבער דיר —
דו ביסט עס, דו!
דו דיינע קומט מיט דער מידקייט פון ראַנגל.
פרידן פאַר דיר מיטן יובל פון זיג,
העלער געזאַנג אויף דיין האַרפע
וואַקסט אין די אַנגסטן פון בלוטיקע זינד —
דו ביסט עס, דו!
וויל נישט קיין פרידן־הויז בויען!
וויל נישט, זיי זאָלן דיר נאָכגיין ווי שאָף
צאָרענען זאָלן זיי, שעלטן און דראָען.
איבער דעם צאָרן, די קללות און שטיינער
פיר זיי וווהין דו פירסט!

(קוקט אויף אים מיט גרויס געטרייִשאַפט)

ס'וועט איבער דורות דיין נאָמען גיין,
קיניג אין אַנגסטן, דערלייזער אין בלוט! — —

(עס דערהערן זיך שטאַרקע קלעפּ אין טיר, ביידע שפּרינגען
אויף, דוד גייט שווער צום טיר, רייסט זי אויף, עס שפּרייזט

אריין און בלייבט שטיין בײם שוועל נתן און הינטער אים — בניהו)

דוד

וואָס יאָגסטו מיך, נביא?

בת־שבע

(שפרינגט אויף און בלייבט שטיין אין א ווינקל)

נתן

זײ מיר מוחל, בת־שבע,
וואָס איך האָב דײן שוועל איבערגעטראָטן,
נישט איך יאָג דיך, קיניג, נאָר דײן אײגן פאַרברעכן
טרײבט מיך צו דיר אין דײן באַהעלטעניש.
זאָל דאָס פאַרברעכן דײנס פון הײנטיקער נאַכט
אַלע זינד פון דײן לעבן איבערשטײגן?
ווילסטו מיט אײגענע הענט די מלוכה צערײסן?

בניהו

שוין שטײט בן בכרי מיטן שווערד,
עס ציט זיך צו אבשלומען דאָס פאָלק אין שרעק,
און דײנע טרײע דינער,
פון דיר פאַרשטויסן, זענען גרייט אין טרערן
די שווערדן צוצעברעכן אויף די קני.

דוד

איך ווייס שוין, בניהו.
קענסט גיין און בן בכרין נעמען פון פאָלק.
נאָר נישט אָנרירן זאָלסטו זײן לעבן.
איז מיר די רו פון איין נאַכט נאָך געשאָנקען?

נתן

געבענטשט איז די נאַכט
פון דײן ווידער־דערקענען זיך, קיניג:

ויי מיר מוחל, בת־שבע,
וואָס איך האָב דיין שוועל היינט איבערגעטראָטן.

בת־שבע

(בויגט זיך פאַר אים טיף)

דיין קומען איז בענטשונג געווען.

(נתן און בניהו גייען אַרויס)

דוד

(פאַרמאַכט די טיר, באַפּט זיך מאָמענטאַל, עפנט זי צוריק, שרייט)

בניהו!

בניהו

(הערט זיך הינטערן טיר)

דאָ בין איך, קיניג!

דוד

ווער ס'וועט רירן אַ האָר פון מיין זון אבשלום,
וועט צאָלן דערפאַר ביזן פערטן דור.

בניהו

(הינטערן טיר)

איך ווייס עס, קיניג!

דוד

(פאַרמאַכט די טיר, בלייבט שטיין ביים שוועל)

„איבער דעם צאָרן, די קללות און שטיינער
פירן זיי, פירן זיי..." וואָס ווילסטו נאָך?

בת־שבע

קיניג, ווי גרויס איז די ליבשאַפט אין דיר,
אויב פאַרן זון, וואָס זוכט דיין לעבן,
ציטערט אַזוי דיין האַרץ!

דוד

איבער דעם צאָרן, די קללות און שטיינער
פֿאַר אים זײ פֿירן, אין יאָך צו אים...

בת־שבע

(בת-שבע גייט נענטער צו אים, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, קוקט אַרויף)

איך וועל אַ זון דיר געבן, קיניג!
מער וועט אוריה נישט מאָנען דאָס קינד,
מער וועט אוריה נישט קומען.

דוד

(קוקט זי אָן חי אַן אַנטפּלעקונג, הויבט זי אויף און קושט זי — נישט פֿון ליבשאַפֿט, נאָר פֿון אַ דערקענונג און גרויסער דער-לייכטערונג, פֿירט זי בײַ דער האַנט בײַזן מיטן שטול, זעצט זיך אויפֿן בענקל, זי אויף דער ערד לעבן אים. ער גלעט איר דעם קאָפּ נישט פֿילנדיק, רעדט אין דער ווייט אַרײַן)

איז אויך פֿון דעם ביסטו מיך געקומען דערלייזן, אוריה...
פֿון אומגליין אין וויסן ביזן טאָג פֿון מײַן טויט,
אַז דער, פֿאַר וועמען איך בוי מײַן ווערק,
וועט עס צעשטערן אויף מאָרגן נאָך מיר.
זאָל דײַן ווילן זײַן!
זאָל דער זון, וואָס דו האָסט אַליין נישט געבוירן,
דער יורש פֿון דודן ווערן.
דײַן זון, בת-שבע, וועט קיניג זײַן!

בת־שבע

(שפּרייט זיך אויס אויפֿן דיל פֿאַר אים, מיטן קאָפּ פֿאַרגראָבן)
קיניג!

דוד

(חיל זי אויפֿהייבן)
הויב זיך אויף, קיניגס מוטער!

בת־שבע

(אזוי ווי זי ליגט, גליטשט זי זיך אַרויס פון זיינע הענט און קייקלט זיך אַוועק איבערן דיל. פון דער ווייטן בלייבט זי ליגן אויף די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט, מיטן קאָפּ צו אים, רופט)

יונג איז מיין ליבסטער,
פלינק איז מיין ליבסטער.
איבער די בערג און איבער די טאָלן
וועט ער זיך יאָגן נאָך מיר.

דוד

(מיט די אויסגעשטרעקטע ליידיקע אָרעמס קוקט ער זי נאָך, קוועלט אויף און לאַכט זיך מיטאַמאָל פונאַנדער)

בת־שבע

(ציט זיך אויף די עלנבויגנס צוריק צו אים ווי אַ קאַץ)

גוט איז צו הערן דיך לאַכן! לאַך...

(זי נעמט אים אַרום. ביידע קוקן זיך אָן אין אָפענער פרייד, האָבן קיין ווערטער נישט. לאַכן אַלץ קוועלנדיקער, ווי מיטן געלעכטער אַרויסוואַרפנדיק פון זיך אַלע איבערגעלעבטע יסורים. פונוויטן דערהערט זיך אַ געשריי. עס איז נישט מער דאָס רופן פון פריער, נאָך אַ געשריי אַ ווילדער, אַ בלוטיקער, פון פילע קולות.
דער געלעכטער שטאַרבט אָפּ.
דער ווייטער מחנה-געשריי כוואַליעט זיך, וויקלט זיך.
בת-שבע קלאַמערט זיך צו דודן, נעמט אַרום אין שרעק)

קיניג! דוד!

דוד

דאָס האָט זיך דוד צוריקגעקערט
איבערן צאָרן און בלוט זיי פירן...
דאָס נעמט בניהו בן בכרין געפאַנגען.

בת־שבע

טויט שרייט פון דאָרטן:

דוד

דאָס פּאַכט מיט זיין טויטן שווערד בן בכרי.
זיי שטיל, בת-שבע!

(ביידע זיצן צונויפגעקלאַמערטע און הערן זיך צו. דער בלו-
טיקער געשריי נעמט זיך ביסלעכווייז אויסלעשן, איינפאַלן)

איצט האָט מען אים שוין געפאַנגען, בת-שבע!
זיי שטיל! זיי שטיל!

(מיט אַ האַנט אַרומגענומען פירט ער זי צום טונקעלן טייל
פון צימער, וווּ עס שטייט דער געלעגער, גייט טריט ביי
טריט, ווערט פאַרדעקט פון טונקל, רעדט אַלץ)

איצט וועט מען נעמען די פגרים ציילן,
און דער טויט, ווי אַ הונט נאָך אַ מאָלצייט אַ גרויסן,
וועט אומגיין און לעקן דאָס בלוט...
זיי שטיל, בת-שבע!
אַ פאַרדינטן יום-טוב וועט פּראַווען דער טויט:
דוד איז געקומען צו מלחמה צוריק — —
זיי שטיל, בת-שבע...

זעקסט בילד

(פאַרן הויז, ערב באַגינען. טונקל. שטערן לעשן זיך. אין
אַ זייט הימל פאַרנעמט זיך די ערשטע גרויקייט.
דער הויף איז באַלאַגערט מיט פאָלק, דערהויפּט אָנגעלאָ-
פענע פון דער מלחמה-געגנט מיט אַסך ווייבער און קינדער.
לינקס — באַוואָפנט חיל און לייב-וואַך, וואָס מישן זיך מיטן
פאָלק. דינער גייען אַרום און טיילן ברויט מיט מילך פון
קריגן. אין דער טונקל זענען זייערע באַוועגונגען שאָטנדיק
איבער דעם געדיכטן פלעק פון דער מאַסע אויפן הויף.

ביסלעכווייז דערזעען זיך מענטשן און פנימער. אויף די טרעפּ
פון דער טעראַסע זיצן אליהב און מריבעל. אין אַ
ווינקל רעכטס מיט אַ גרופּע פון די נעכטיקע — דער אַלטער
זמרי. פון דעם אַלגעמיינעם דערשטיקטן געמורמל שיילן
זיך אויס איינצלנע שטימען און רייד)

שטימען

— עס טאָגט דאָך שוין באַלד — ווען וועט מען זיך רירן?
— דערווייל יאָגט דער שונא אַלץ ווייטער.
— ווען גייט איר שוין, חיל?

אַ זעלנער

מיט אויפגאַנג פון זון — האָט דער קיניג געזאָגט.

שטימען

— ווען וועט זי שוין אויפגיין, די זון?
— עס שלאָפט נאָך אַוודאי דער קיניג.

פּאַסטעך
(אין דער גרופּע, נענטער צו זמרין)

האָט שלום געמאַכט מיטן יונגן ווייב —
שלאָפט זיך אים גוט נאָך דער שחיטה.

ערשטער פּויער
וואָס טוסטו נאָך דאָ? האָסט אַנטלויפן געמעגט
מיט אַלע אבשלומס לייט!

צווייטער פּויער
פאַרגין אים דעם קיניגס ברויט!

זמרי
האָט נישט דער נביא געוואָרנט:
שווערד קעגן קיניג איז שווערד קעגן זיך!
שונא ביים טויער, אומגליק ביים טויער,
קומט מען אין אומגליק און נויט
גנבענען פאָלק פון קיניג...

(אין דער העלקייט, וואָס פאַרשפּרייט זיך, קומט אָן אַ גרופּע זעלנער, וואָס פירן אַרומגערינגלט אבשלומען, אחיתופלען און שבע בן בכרי. די ערשטע צוויי זענען פריי, ביי שבען זענען די הענט געשמידט.
אַ גרופּע נביאים גייט זיי נאָך)

מריבעל
(רייסט אליהבן)

מען פירט זיי שוין. מען פירט זיי!

אליהב
(הויבט אויף דעם קאָפּ און לאָזט אים גלייך צוריק אַרונטער)

אין פאָלק
— דעם קיניגס זון געפאַנגען.
— און אחיתופל.

— רעכט אויף זיי!

שבע

(אַ פּאַרבלוטיקטער צום חיל)

שוין נאָכגעציילט אַלע פּגרים?
אַ פריילעכע נאַכט האָט דוד געהאַט,
און ס׳וועט אים זיין היימלעכער איצט
מיט די מתים ביים שוועל.

(זי הערט געפירט מיט אבשלומען און אחיתופלען אין ווינקל ביי דער טעראַסע לינקס, צווישן חיל)

געגעבן אַ גוטן טרונק מיין שווערד —
איצט קענט איר מיך האַלטן!

אַ לייב־וועכטער

שאַקאַלן וואָלטן שוין געגריזשעט דיינע ביינער,
ווען נישט באַפעל פון קיניג.

שבע

אַזוי גאָר? וויל דוד אַליין מיך דערשטעכן?
מיין האַרץ מיט דיר, אָרימער דוד!
אַ ווייב צום געלעגער דאַרף יואב באַזאָרגן,
די ליבשאַפט ביי איר דאַרף דיר אויסבעטלען זמרי,
און אויפשניידן שבען דעם בויך —
איז מוז מען דיר שבען אין קייטן ברענגען...

די נביאים

(וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט צווישן פאָלק, נעמען זינגען. איינער זינגט פאָר, די אַנדערע זינגען נאָך)

דער קיניג האָט זיין אייגענעם זון געפאַנגען —
אוי לי!
אין שלאַכט מיט ישראל דעם פרידן געפאַנגען —
אַללי לי!

אבשלום

באַווייַנט מיך נישט.

איר האָט אַ פאָלק און לאַנד —

אויף זיי די קלאָג.

לאָזט אויס דעם קיניגס זון.

חיל

(קעגן דעם געקלאַג פון די נביאים, נעמט זינגען אין קריגע-ריש-הילכיקן ריטם)

שאול האָט דעם פיינט געשלאָגן

אין די טויזנטער.

יונגער דוד האָט פאַרטיליקט

צענער טויזנטער.

שאול, שאול! ביסט געפאַלן

אויף דיין שווערד אַליין.

טויזנט מאָל דיין בלוט האָט דוד

אויפגעמאָנט פון פיינט.

נביאים

(רייסן זיך אריין אין חיל-געזאנג)

דאָס געשאָכטענע לייב איז אויפגעשטאַנען —

אוי לי!

און קומט פון באַזיגער נקמה צו מאָנען —

אַללי לי!

אמנון

(ארויסקומענדיק פון הויז, דערזעט דעם ברודער א געפאנגענעם, צו די נביאים)

באַפייקלט אים, באַזינגט אים פייקלעך!

(גייט ארונטער די טרעפ. שטעלט זיך אנטקעגן ברודער מיט זיגערישן חוזק)

חיל

(זינגט ווייטער)

פלישתי, חיתי און עמלק,
צאָלט דעם צינש אין צייט!
ציט דעם שווערד פון גאַרטל דוד —
ציטערט באַרג און טאָל.

אמנון

(לאַכנדיק אבשלומען אין פנים אַריין, זינגט איבער)

דוד גרייפט דעם שווערד פון גאַרטל —
ציטערט, פלאַטערט, פיינט!

שבע

(דערזעט נתנען אַרויסקומענדיק פון הויז)

דוד גרייפט דעם שווערד פון גאַרטל —
ציטערן די פיינט.
נתן נעמט אין האַנט זיין שטעקן —
ציטערט, פלאַטערט דוד.

אליהב

(שטייט אויף, קערט זיך אום צו נתנען, בויגט זיך פאַר אים)

כ'האָב פאַרלאָרן, נביא!
האָסט די זאַלבונג פון דיין קיניג
היינט באַנייט מיט בלוט מיט פרישן —
דו ביסט דער געווינער.
(זעצט זיך צוריק)

נביאים

נתן האָט דודס הויז פאַרשאָלטן —
אוי לי!
דער שווערד פון זיין הויז זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטון —
אַללי לי!

נתן

(אויף דער טעראַסע, צאָרנדיק)

הערט, איר, וועמען האָס האָט מיט בלינדקייט געשלאָגן!

דעם פּאַסטעך איז אַ סטאַדע איבערגעענטפערט געוואָרן,
האָט ער פאַר זיך אַליין אַ שאָף געקליבן.
און אַז האַרב איז געוועזן פון האַר די שטראָף,
האָט ער געבעטן די סטאַדע אים צוצונעמען.
טריי האָט דער פּאַסטעך די שאָף באַוואַכט
און מיט אייגן לעבן פון רויבער געשיצט.
וועט דער האַר אַוועקשיקן זיין געטרייען דינער,
ווען ער האָט זיינד אַליין דערקענט?
וועט ער די סטאַדע אין פאַלשע איבערגעבן?
וועט ער רויבער פון נאַכט פאַר פּאַסטעכער מאַכן?
שענקט דער האַר דעם דינער זיין רויב אַוועק,
און ווידער קומט דער פּאַסטעך זיין סטאַדע פירן.
הערט, איר, וועמען האַס האָט מיט בלינדקייט געשלאָגן!
און איר, געטרייע צו אייער פירשט און באַפרייער,
שטייט אויף אים אַנטקעגן מיט פרייד און בטחון,
ווייל אייערע היימען דערלייזן און די שוועלן שטאַרקן
גייט צום קריג און נצחון דער פירשט פון ישראל.

אין פּאָלק

— זאָל ער קומען, נביא!
— זאָל ער אונז פירן!

(עס דערהערט זיך טרומייט-געבלאָז פון הינטער די זייטן הויז און אין דער אויפגעפראַלטער טיר. ליב-וואך רוקט זיך נענטער צו דער טעראַסע. פּאָלק פאַלט אויפן פנים, אמנון לויפט פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דער טעראַסע, אליהב און מריבעל בלייבן שטיין אויף די טרעפּ)

דוד

(אין קיניגלעכן באַוואָפענונג קומט אַרויס, קוקט אויף די געפאַנגענע, אויפן פּאָלק, אויפן חיל. הינטער אים בניהו, זיינע כוהנים, בת-שבע, מיכל. ער רעדט שטיל און געצאַמט)

שטייט אויף, איר פּאָלק, איך בין צוריק מיט אייך!

שטימען

זײַ אויף אײביק מיט אונז!

דוד

נעכטן האָב איך בײַ אײַך מײַן פֿרידן געבעטן,
און איר האָט מיך גערופֿן צוריק צום שווערד,
צו וואָס איר האָט גערופֿן — בין איך געקומען.
וויפֿל זענען געפֿאַלן הײַנט נאַכט, בניהו?

בניהו

פֿון דײַנע יונגען אַכצן, קיניג,
און נאָך אַמאָל אַזוי פֿיל פֿון די לײַט,
וואָס מיט בן בכרי און דײַן זון.

דוד

ווו דוד קומט — גײט מלחמה מיט אים, —
אַזוי האָט אײַך נעכטן מײַן זון געוואָרנט,
און ער האָט די ריי זײַנע וואָר געמאַכט,
זאָל דאָס בלוט פֿון הײַנט נאַכט אַ צײכן זײַן!
עמון און מואב וועלן דאָס לאַנד פֿאַרלאָזן,
אָבער די רויבער בײַ אונז אין אײגענעם הויז
זאָלן טראָגן דעם צײכן בײַ זיך אויפֿן האַרץ,
אַז אין בלוט פֿון ברידער בין איך געקומען צוריק.
צעטראָגט מײַן וואָרט איבער לאַנד פֿון ישראל —
און זאָלן הערן די, וואָס זענען אַנטלאָפֿן:
אַזוי זאָגט דוד!

אין פֿאָלק

מיר הערן דיך, קיניג!

דוד

(קוקט אויף די געפֿאַנגענע)

און צו די, וואָס זענען קעגן ווילן פֿאַרבליבן!

...ער אויס, אחיתופל!
פאַר מיין זינד קעגן דיר האָב איך גרייט דאָס געצאָלט,
און שלום איז צווישן מיר און אוריהס געביין.
פאַר דיין קינד מיט מיר, פאַר אונזער אַלטן בונד
אין די אויגן פון פאָלק קום איך דיך בעטן:
פאַרגעס דאָס שלעכטס און קער זיך אום צו מיין הויז!

אחיתופל

נאָר איינמאָל אין זיין לעבן
ווערט אחיתופל דינער אָדער פיינט.
באַהאַלט דיין חסד, קיניג,
פאַר אַ געטרייערן פון מיר.
און איך — מיין האַרץ איז אָפן פאַר דיין שווערד.

דוד

דער האַס אין דיר און די, וואָס מיט דיר,
וועט אַליין דיין האַרץ ברענגען צום שווערד.
קענסטו גיין צו דיין היים און ערד, אחיתופל!

אחיתופל

(גייט שטום אָפּ צווישן פאָלק)

בת־שבע

זיידע!

דוד

(אָטעמט אָפּ, צעבראָכן)

און נאָך אַ וואָרט האָב איך, צו מיין זון אבשלום,
צו מיין געליבטן זון איז אַזוי מיין וואָרט:
אַ לאַנד אין רום האָב איך פאַר דיר געגרייט
און פאַר אַ פירער פון פרייע דיך זאַלבן געוואָלט.
האָסטו זיך צום פאָלקס פאַרקנעכטער באַהאָפטן
און פריי מיך געמאַכט אַ שולד צו באַצאָלן.
מיט דעם שווערד, וואָס באַוואַכט דעם קיניגס שטול,

האָב איך אַ פרייד געקויפט אויפן קיניגס געלעגער,
וועט דעם קיניגס שטול אַ פאַרגעלטונג זיין
פאַר דער זינד, וואָס קומט פון קיניגס געלעגער.
פון בת־שבעס שויס וועט אַ יורש קומען
און טראָגן דעם פרידן אין נאָמען זיינעם
און אין פרידן פירן דאָס פאָלק.
צו דיין הויז און פעלד קער דיך אום, מיין זון!

אמנון
(שיסט אויס אַ געלעכטער)

דוד
ווער קען עס לאַכן אויפן בראָך פון זיין ברודער!

אמנון
(ווערט אנטשוויגן, רוקט זיך צוריק)

אבשלום
אַ דאַנק דיר, פאָטער, פאַר דיין גענאָד!
באָר אויב דו שענקסט דאָס לעבן מיר —
באַפעל מיר נישט צו בלייבן.
נישט גינציק איז מיר דאָ די ערד
און קרום די גלייכע סטעזשקעס דאָ.
אין הויז אונטער דיין שוץ —
נישט מיך וועט זעטיקן דאָס ברויט פון דיין גענאָד,
נישט דו וועסט קענען אָפּרוען דיין אויג
פון וואָכן איבער דעם באַגנעדיקטן.
דערלויב אַוועקצוגיין.

דוד
וווהין?

אבשלום
צום זיידן תלמי.

אין תּלמיס לאַנד.

דוד

(קוקט אויף אים פון אונטער די ברעמען, אבשלום האַלט
אוים דעם בליק)

קענסט גיין!

אבשלום

(גייט אָפּ שטיל צווישן פאָלק, ווערט באַגלייט פון געמורמל)

דוד

(שטייט א געבראָכענער מיטן קאָפּ אַרונטער)

שבע

איז איצט אויך שוין אויף מיר די צייט?
קיין אייניקל האָב איך נישט דיר פאַר אַ ווייב,
קיין זון בין איך אויך נישט צו דיר,
איז — נאָדיר מיין האַרץ און שטעך!

(ווייל צעעפענען די ברוסט און קען נישט צוליב די געשמידטע
הענט, ציט ער זיך צום אָנשטעלן די ברוסט)

דוד

זיי מיר מוחל, בן בכרי!
קען זיין — איך וואָלט דיר גוטס געטון,
איך זאָל דיין אומרו מיט דיין בלוט אַרויסלאָזן,
נאָר איך קען נישט מיין האַנט אויף דיר הויבן.

שבע

ווערסט אַלט שוין, דוד!
און בניהו דיין העלד האָט קיין שׂכל נישט.
איך פלעג עס דיר אַלעמאָל זאָגן.
ווען ער וואָלט, נישט פרעגנדיק דיך, היינט ביינאַכט
אַליין אין דער שטיל מיך דערקוילעט —
וואָלסטו אפשר אַביסל געוויינט — און שוין.

דוד
בינדט אים אָפּ! לאָזט אים פריי!

וועכטער
(טוען עס)

שבע
(שפּרייזט צו אים מיט שווערע טריט)

דו טוסט זיך אַן עוולה, דוד!
דו וועסט מיך אַרויסלאָזן ווידער פון האַנט,
דערנאָך וועסטו האָבן צו וויינען.

דוד
איך קען נישט, בן בכרי!
נישט דאָס ברויט פון נויט, וואָס מיר האָבן געטיילט,
און נישט דער געלעגער אויף שטיין און שאָטן פון טויט
פאַרהאַלט מיר די האַנט פון דיר.
נאָר פון אַלע די, וואָס האָבן מיך געדינט,
האָב איך דיך, דעם איינעם, נישט קויפן געקענט,
און אין טריישאַפט צו מיר, ווי אין האַס צו מיר,
ביסטו איינער אַ פרייער געבליבן.
גיי דיר אַוועק דיין וועג, בן בכרי!

שבע
(אַ גערירטער גייט נענטער צו דודן)
און איך זאָג דיר, דוד,
נישט רעכט וואָס דו טוסט!
גענוג זענען געכטן האַרן אַנטלאָפן,
גענוג נאָך פאַראַן אויך קנעכט אין ישראל,
וואָס ווען מיר נאָכגיין מיט שווערד קעגן דיר!
און איך וועל דאָך גיין קעגן דיר!
צו וואָס דיר דאָס איבריק בלוט,
אַז אָט האָסטו מיך דאָ?
(עפנט ברייט די ברוסט)

דוד

(פּמעט מיט געבעט)

גיי דיר דיין וועג, בן בכרי!

שבע

(בויגט זיך נידעריק פאר דודן)

האָסט אַ האַרץ פון אַ קיניג, דוד,
און איך בין אַ הונט אַ פאַרוואָגלטער.
דערלויב דיך אַרומנעמען!

דוד

קום אַהער, בן בכרי!

שבע

(גייט אַרויף די טרעפּ צו דודן, ביידע פאַלן זיך אין די אָרעמס, רייסט זיך גלייך אָפּ, גייט אַרונטער)

אַז דו וועסט מיך טרעפן אין פעלד קעגן דיר,
נישט האָב קיין רחמנות — דערשטעך!
אַז נישט וועל איך דיך דערשטעכן!

(גייט אָפּ עטלעכע טריט, קערט ער זיך אום, שרייט צו)

און די האַרן פאַרטיליק!
צעיאָג זיי, די הינט!

(פאַרשווינדט)

אליהב

(הויבט זיך אויף)

איצט קען איך שוין אויך אַהיימגיין.
שוין געווען און שוין געזען.
האָב שוין וואָס דעם טאַטן זאָגן,
קען איך שוין אַהיים גיין.
זיי געזונט, מריבעל!
האָסט אַ הויז און שוין אַצינד.

(חיל גיין, כאַפּט זיך)

בענטשונג אין דיין בויך, בת־שבע,
זאָלסט אַ זון דעם קיניג האָבן.
(גייט אָפּ)

דוד

ווו גייסטו, ברודער?

אליהב

(קערט זיך אום, שפּרייט זיך אויס אויף דער ערד)

קיניג מיינער!
טו חסד מיט דיין קנעכט,
לאָז אים גיין
זיינע אַלטע ביינער טראָגן
צו זיין טאַטנס ערד.
(הויבט זיך אויף, גייט אָפּ)

מריבעל

(קלאַמערט זיך צו דודס פיס)

פאַרשטויס מיך נישט, קיניג!
פאַרגיב דעם געשלאָגענעם הונט!

דוד

(מיט אַ צעבראָכן קול)

זיי שטיל, זיי שטיל, מריבעל!
(קוקט זיך אַרום, אין ביטערניש)
ווער נאָך וויל פאַרלאָזן דעם בלוטיקן דוד?
עס איז דאָ מיט וועמען צו גיין — איר קענט גיין.
אָט איז מיין חבר אַוועק זיך זוכן אַ שווערד,
און מיין פריינט מיט נקמה אונטערן ווייסן שטערן,
און מיין אייגענער זון אונטערן פרעמדן שוץ —
דוד האָט פיינט געגוג ביז זיין לעצטן טאָג.
ווער ס׳וויל גיין מיט זיי, קען אַוועקגיין גלייך!
(קוקט זיך אַרום)

ישטאָ מער קיין גייער! מיטן פיינט ביים טויער
ענען אַלע געטריי צו דודן.
די זון איז שוין דאָ — מיין צייט איז געקומען.

זמרי

(טוט אַ פּאַל פּאַר אים אין געוויין)

דוד, פאַרגיב!
טראָג נישט די ביטערניש מיט!
שיצער, דערלייזער,
לייטער דיין האַרץ —
ס'בלייבט אויף דיר ווארטן אַ פאָלק אין פּיין.
גיי נישט אַוועק מיטן האַס!

דוד

(אַ צעמישטער גייט אַראָפּ צו אים ביזן ערשטן טרעפּ, הויבט אים אויף)

שטיי אויף, זמרי, איך האָב נישט פאַרגעסן.
שטרעק אויס איבער מיר מיין פאָטערס האַנט
און אויף טעג פון קריג מיט געדענקען בענטש מיך.

זמרי

(הויבט זיך אויף אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט)

וועגן דעם אָרעמען ברויט פון פעלד
און האָריקן וואָל אויפן לייב,
וועגן דער נויט אין די ליימענע שטיבלעך
און שווייס איבער אונזער עלנד,
וועגן דעם בלוט, וואָס מיר טראָגן צו דיר,
זיך צו באַפרייען מיט דיר —
זיך צו דערלייזן אין דיר!
זאָל אונזער פּיין זיך נישט אָפּטון פון דיר —
זיי אונז מיט ווייטאָג געבענטשט,
זיי אונז אויף אייביק מיט ליבשאַפט געבענטשט!
(לאָזט אַראָפּ די הענט)

דוד

(בלייבט א ווייל שטיין מיטן געבענטשטן קאָפּ, הויבט אים אויף)

פיר אַרויס דאָס חיל, בניהו!

(דאָס חיל אין געקלאַפּ פון פּאַנצערס און שווערדן, ציט זיך אויס, שטעלט זיך אויס רייענווייז)

בניהו

דו קענסט נישט, קיניג, ערשט
דאָס גאַנצע חיל צונעמען פון שטאָט!

דוד

האָב נישט מורא, בניהו!
נאָך נישט איצט וועלן זיי גיין אויף מיר!
וואָס איז דיין וואָרט, נביא?

נתן

אין שטאַרקייט גיי
און יאַהווע וועט דעם פיינט דיר איבערגעבן.

מיכל

בשלום גיי און קום צוריק בשלום, קיניג!

דוד

(קוקט זי אָן צעמישט)

זיי מיר מוחל, שאולס טאָכטער!

מיכל

מיין האַרץ האָט דיר פון לאַנג פאַרגעבן.

דוד

און פון דיר אַ וואָרט, בת-שבע!

בת־שבע

דו וועסט אַ זיגער קומען צוריק.

דוד

איך וועל אַ זיגער קומען.

(אין פאַרזונקנקייט)

איך — איך — איך וועל דער זיגער זיין...

בניהו

אין פעלד פאַרן טויער, חיל!

(פירט זיי)

דוד

(גייט אַראָפּ די טרעפּ און שפּרייזט גלייך מיט זיי)

חיל

(זינגט)

שאול האָט דעם פיינט געשלאָגן
אין די טויזנטער,
יונגער דוד האָט פאַרטיליקט
צענער טויזנטער.